זיבעצענטער יאָהרג
38

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". · פרייז 20 גראָשען.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

[illegible]

Piątek 23 września 1938 | ליכט-צינדען 5.20 | פרייטאָג פ' נצבים כ"ז אלול תרצ"ח

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

זונטאָג ערב ראש-השנה תרצ"ט, צו דער צווייטער טרויעריגער יאָהר-צייט פון אונזער הייס-געליבטער פרוי און מוטער

נ"ע דאָברא אשת ר' הענדל נ"י האכערמאן

וועט 9.30 א זייגער פ"רי"ה געמאכט ווערען א **הזכרה** אויפ'ן בית עולם

ווענען וואָס ס'ווענען מודיע **מאן, קינדער און פאמיליע.**

דער אויטאָבוס ארויסצופאהרען אויפ'ן בית עולם וועט אָבגעהן 9 אזייגער פריה פון הויז אלעע 11.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאָהר

ווינשען מיר אונזער געעהרטע לעזער און אבאָנענטען אנאָנסען - געבער, מיטארבייטער און קאָרעספאָנדענטען אין לאנד און אין אויסלאנד און דעם גאנצען כלל-ישראל.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
„טשענסטאָכאָווער צייטונג".

א גוט יאָהר!

אלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענ-סטאָכאָוו און אומגעגענד ווינש איך צו זייער נייעם יאָהר פיעל גליק און צופרידענהייט.

W. KRZEMIŃSKI
wł. kina „Eden".

א גוט יאָהר!

אלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענ-סטאָכאָוו און אומגעגענד ווינש איך צו זייער נייעם יאָהר פיעל גליק און צופרידענהייט.

A. GOLDBERG
wł. kina „Luna".

א גוט יאָהר!

אלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענ-סטאָכאָוו און אומגעגענד ווינש איך צו זייער נייעם יאָהר פיעל גליק און צופרידענהייט.

W. GOGUT
wł. kina „Stylowy".

האלאָ וויעלון און אומגעגענד! ביליג!
די דרוקערי „פּאָספּעשנאַ" פון מ. פּייפער
פלאץ לעגיאָנוב 14

מאכט איבערראשענד ביליג וואונש-קארטען מיט קאָפּערטען.
פיינסטע אויספיהרונג. שנעלע אויספערטיגונג.

LEKCJI angielskiego, francuskiego, niemieckiego, stenografji niemieckiej udzielam tanio.
Piłsudskiego 11, II piętro, m. 6

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2 i Warszawska 37.

מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען ווענען דעם די קונדשאפט האָבען מיר

פערביליגערט די פרייזען:
א קאָלנער מיט א הערליכען גלאנץ 10 גר.
א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.

ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

איבערצוגעבען א

פערטרעטונג

אויף טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד פון א מארקע - ארטיקעל פון דער קאָלאָניאל-בראנזשע. רעפלעקטאנטען, וועלכע האָבען שוין געארבייט אויף ענהליכע שטעלעס, בעזיצען א געוויסען קאפיטאל און קענען בעלעגען א גאראנציע פאר'ן לאגער און אינקאסא דארפען איבערשיקען איינגעהענדיג געשריבענע אָפערטעס, אין וועלכע עס דארף זיין אָנגעוויזען דער קאפיטאל, וועלכען דער רעפלעקטאנט האט צו דיספאָזיציע, אויפ'ן אדרעס:

Towarzystwo Reklamy Międzynarodowej
Warszawa, Sienkiewicza 14 פאר „WK 478"

אונזער שותף און פריינד **אליהו קאָרן** און פרוי
צוליב'ן טויט פון זייער

מוטער נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל. זייט געטרייסט!

יודל רינג און פרוי, וויעלון.

אכטונג וויעלון און אומגעגענד!

„U R O D A,, נור אין די פערפומעריע

Wieluń, Narutowicza 2,

צו בעקומען: גומענע טערמאפארען, איין-זעקלעך, אירוגאטאָרען, גומי-שפריצען, טערמאָמעטער'ס א"ד.ג. פערע. זאָרטען קאָסמעטיק בראָשען, בראָנזעלעטען. ביליגע פרייזען.

Fabryka Mydła i Świec
„SPORT" wł. Zylbermanowie

WARSZAWA, Grodzeńska 47.
tel. 10—11—93 i 10—11—94

ווינשט אלע ג' אָבנעהמער און קאָנסומענטען
א כתיבה וחתימה טובה.

מיין ג' קליענטעל, משפחה אין לאנד און אויסלאנד, פריינד און בעקאנטע צום נייעם יאהר ווינשט

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאהר

M. FAJGENBLAT

Pracownia okryć damskich i futer

ALEJA № 18.

Do obecnego sezonu jesienno-zimowego przyjmuję wszelkie roboty wchodzące w zakres krawiectwa damskiego po cenach bardzo przystępnych.

Najnowsze modele i fasony. — Wykonanie pierwszorzędne

ווילסטו האָבען א גוט יאהר

קויף א קאָם

אין דער בעקאנטער קאָלעקטור

J. WEKSLER ALEJA Nr. 6

לאָסען צו דער ערשטער קלאַס שוין צו בעקומען.

KONCESJONOWANE KURSY

BUCHALTERYJNO-HANDLOWE

prowadzone od 1915 roku pod. kier.

R. GERMAN-SZUMACHEROWEJ

kształcą zawodowo na:
buchalterów, korespondentów, stenografów, maszynistów.
KOŃCZĄCYM WYDAWANE SĄ ŚWIADECTWA.
Zapisy na rok szkolny przyjmuje kancelarja kursów
ul. Dąbrowskiego 11, front, parter, tel. 22-75.
Tamże I-a Szkoła Pisania na maszynach, nauka na maszynach do liczenia i na powielaczach.

א כתיבה וחתימה טובה

צום נייעם יאהר — ווינשט דער ג' קונדשאפט

Biuro Ekspedycyjne
„Częstochowska Spółka"
Piłsudskiego 13-15, telef. 18-84.

לכל קרובינו ומיודעינו אנו מאחלים

שנה טובה ומתוקה

וכתיבה וחתימה טובה

ווערא ודוב בלאוגרונד

הלסינגפורס, א' תשרי תרצ"ט.

א כתיבה וחתימה טובה

אונזערע ג' קונים, פריינד און בעקאנטע, ווינשט צום נייעם יאָהר
פארבען = געשעפט
S. Wiślicka, Aleja 2.

אונזערע געעהרטע קליענטען, פריינד און קרובים ווינשען מיר צום נייעם יאָהר

א כתיבה וחתימה טובה.

מיר עמפפעהלען זיך צום קומענדען ווינטער-סעזאָן מיט די נייעסטע פאסאָנען און מאָדעלען.

פוטער-ווערקשטאט **געבר. אבערמאן**
פילסודסקי 17.

Panom Inż. A. Orlińskiemu
i M. Waszkowitzerowi
z okazji Nowego Roku serdeczne życzenia składa
Personel Techniczny fabr. I. Altman.

א כתיבה וחתימה טובה

אלע איהרע מיטגליעדער ווינשט צום נייעם יאָהר
די פערוו. פון דער געז.
„אחיעזר"

אלע אונזערע קונדען, פריינד און בע-קאנטע צום נייעם יאָהר

א כתיבה וחתימה טובה

ווינשען
אייזיק אבראמאָוויטש און פרוי

אלע אונזערע קונדען, פריינד, בעקאנ-טע ווינשען מיר צום נייעם יאָהר

א כתיבה וחתימה טובה

דוד גאָלדבערג און פאמיליע
וואורשטען-געשעפט, גענשא 28.

לשנה טובה תכתבו

אונזער פאמיליע, פריינד, בעקאנטע און די חשוב'ע קליענטען ווינשען צום נייעם יאָהר א כתיבה וחתימה טובה

לייב לעדערמאן און פאמיליע
מאנופאקטור-געשעפט, אלעע 7.

לשנה טובה תכתבו.

אונזער פאמיליע, פריינד, בעקאנטע און די חשוב'ע קליענטען ווינשען צום נייעם יאָהר א כתיבה וחתימה טובה

ז. לאנגנער און פרוי
שיך-געשעפט, אלעע 10.

די גליקליכע קאָלעקטור

ס. באָזשיקאָווסקי און ס. האפטקא, אלעע 2

ווינשט דער ג. קונדשאפט, פריינד און בעקאנטע צום נייעם יאָהר
א כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו

מיין ליעבע מוטער, פריינד, בעקאנטע און די ג' קליענטען ווינשט צום נייעם יאָהר א כתיבה וחתימה טובה

מיכאל רוזשעוויטש
ראָווערען און ניי-מאשינען געוועלב.

לשנה טובה תכתבו

א גוט, גליקליך יאָהר ווינש איך אלע מיינע געעהרטע קונים, פריינד און בעקאנטע.

אלימלך דיקערמאן און פאמיליע
מאנופאקטור-געשעפט בערקא יאָסעל. 12.

לשנה טובה תכתבו

אלע אונזערע פריינד, בעקאנטע און די ג' קליענטען ווינשען מיר צום ניי-עם יאָהר א כתיבה וחתימה טובה

Chem. pralnia i farbiarnia
„KRYSZTAŁ"
B. Joselewicza 2 i Warszawska 37

צו פערדינגען 2 גרויסע געוועלבער

מיט סקלאַדעס אויף סחורות, געאייגענט אויף פאבריקס - לאגערן

Sp. Akc. Jakub Gutman w Częstochowie, Piłsudskiego 35. Tel. 11-21.

תחל שנה וברכותיה

משה אש

יעדעס יאהר ערב ראש השנה פאַרנאכט זאגט דער יוד א תפלה צום רבונו של עולם און ענדיגט תכלה שנה וקללותי׳ זאָל זיך ענדיגען דאָס יאהר מיט איהרע צרות און אומגליקען, תחל שנה וברכותי׳ זאָל זיך אָנהייבען א יאהר פון גליק און צופרידענהייט. די ערשטע תפלה ווערט ערפילט. מיט׳ן ענדיגען פון יעדען יאהר האָבען מיר צו פערצייכענען אַן איבעריגען קאָנט פון צרות און ליידען, פײַן און נידערגעשלאָגענהייט. מיר זענען שוין דערצו געוואוינט, דער בעל מסדר פון די תפלות האט שוין מיט הונדערטער יאהרען צוריק דאס אריינגעשטעלט אין דעם ראש-השנה׳דיגען מחזור, א שטיינער אזוי מוז עס זיין, דער יוד מוז וויינען אויף דעם פערגאנגענעם יאהר, בעטען: אל נא רפא נא למחלותי׳, העלף גאָט דעם יודישען פאָלק אין זיינע צרות, אזוי איז אונז געווארען אָנגעצייכענט און אזוי דאַרף עס בלייבען.

אין יאהר תרצ״ח האט דאס יודישע פאָלק צו פערצייכענען מעהר צרות ווי אין די פריהערדיגע. אָנגעהויבען האט עס זיך מיט גלות עסטרייך וואו צעהנדליגער טויזענדער יודען וואס האבען לאַנגע יאהרען געוואוינט אין לאנד, פערנומען די העכסטע און אָנגעזעהענסטע אַמטען, פאבריקאנטען, סוחרים,—זענען ארויסגעטריבען געוואָרען, זייענדיג געצווינגען איבערצולאָזען זייער פערמעגען אויף הפקר. לעצטענס גלות איטאליען, וואו יודען האבען ביז היינט נישט געוואוסט פון קיין בעגרעניצונג—זענען פעראורטיילט געווארען א נישט פאָראויסגעזעהענעם בעפעהל, אויסצוואַנדערען, און ווערען אין קיין לאנד נישט ארייננעלאָזט.

נישט ווייניג בלוט איז פערגאָסען געוואָרען אין יאהר אין ארץ ישראל. טאג-טעגליך קומען אָן פון דאָרט טרויעריגע ידיעות וועגען גע׳הרג׳עטע און פערוואונדעטע יודען, דער יוד איז דאָרט נישט זיכער מיט זיין לעבען און פערמעגען. אויך דאס האט דער מסדר אריינגעשטעלט אין דער זעלבער תפלה: על מה תעלים עיניך ותראה, זרים אוכלים נחלתיה—רבש״ע, פאַרוואָס מיידסט דו אויס צו זעהען ווי פרעמדע פערדערבען דאס יודישע פערמעגען?

דעם פערגאנגענעם יאהר איז אויך דא אַנגעשטאַמפּעלט געוואָרען אויף אונז א שווערע גזירה. דער סיים האט אָנגענומען א געזעץ, וועלכער פערבאָט די יודישע שחיטה. א גזירה וואס איז עלול צוצונעמען דאס שטיקעל כשר פלייש פון יוד׳ס מויל, א גזירה וואס נעמט צו די פרנסה פון טויזענדער יודישע משפחות, ווי למשל, שוחטים, קצבים, ארבייטער א. א. וו. אין פיעל פּאָוויאַטען פון פּויזנער און פּאָמערן, וואָיעוואָדזטוועס, ווי למשל, קאַליש וולאָצלאוועק און אנדערע שטעדט איז די גזרה שוין אריין אין קראַפט.

אָט מיט דעם געבעט קומען מיר צו גאָט ערב ראש השנה ביים ענדיגען זיך פון אַלטען יאהר און מיר זאָגען: תכלה שנה וקללותיה — די תפלה דאָס עס זאָל זיך ענדיגען דאָס שלעכטע יאהר — איז אָנגענומען געוואָרען. עס ענדיגט זיך ווירקליך א יאהר פון גרויסע צרות און עניים פון יודישען פאָלק. זאָל אָבער שוין זיין תחל שנהו ברכותי׳, זאָל אויך פאַר אונז שיינען די זון, זאָלען אויך מיר זיצען אויף אונזער אייגענער ערד אין אייגען לאַנד, געניסען פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, נישט זיין מעהר ללעג ולקלס בין האומות. דאס איז אונזער געבעט און וואונש פון רבש״ע צום נייעם יאהר.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— די היינטיגע וואָך איז די פּאָליטישע וועלט געשטאַנען אויסשליסליך אונטער׳ן צייכען פון טשעכישען פּראָבלעם. אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט דעם היסטאָרישען פליה פון ענגלישען פּרעמיער-מיניסטער טשעמבערליין קיין בערכטעסגאַדען צו היטלער׳ן. די גאַנצע וועלט איז געווען געשפּאַנט פון דעם אויסגעריכטען וויזיט און וואָס ער וועט ברענגען פאַר׳ן שלום.

— אויף דער אָנפראַגע, וואָס עס האָט געפּועל׳ט דער ענגלישער פּרעמיער ביי היטלער׳ן און וועגען וואָס עס איז דאָרט גערעדט געוואָרען — האָט טשעמבערליין נאָכ׳ן צוריקקומען קיין לאָנדאָן געגעבען אַנ׳אויסמיידענדען נישט-קלאָרען ענטפער.

— אויף הענלייגס פעררעטערישען אויפרוף צו די סודעטען-דייטשען, אַז זיי פאָדערען שוין נישט קיין פּלעביסציט, נאָר א פולשטענדיגע צוריקקעהרען זיך צום רייך — האָט די טשעכישע רעגירונג ארויסגעגעבען, אלס רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אַנטי-מלוכה׳שער אַקציע, ענערגישע פעראָרדנונגען און אויפגעלעזט די סודעטען-דייטשע פאַרטיי. נאָך הענליינען זענען ארויסגעשיקט געוואָרען שטעק-בריעף.

— נאָכ׳ן בעפעהל צו ארעסטירען הענליינען איז דער „פיהרער" אַנטלאָפען קיין דייטשלאַנד.

— מוסאָליני האָט פערעפענטליכט אַנ׳אָפענעם בריעף אין דער פּרעסע צו רונסימען, אין וועלכען ער גיט גערעכט היטלער׳ן, זאָגענדיג, אַז די סודעטען-דייטשען האָבען די פולע רעכט זיך אַצושליסען צום דריטען רייך.

— אין גאַנג פון די ווייטערדיגע געשעהענישען, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט מיט א בליץ-שנעלקייט, זענען די פראַנצויזישע מיניסטאָרען, דער פּרעמיער דאַלאַדיע און אויסערן-מיניסטער באָנע, איינגעלאַדען געוואָרען קיין לאָנדאָן צו א געמיינזאַמער בעראַטונג מיט׳ן ענגלישען קאַבינעט וועגען דער ווייטערדיגער טאַקטיק אין ענין טשעכאָסלאוואַקיי.

— הענליין האָט פּראָקלאַמירט א בעוואָפענטען אויפשטאַנד. לויט זיין מעלדונג האָבען זיך שוין אָנגעשלאָסען אין זיין „פרייוויליגען קאָרפּוס" אַנ׳ערך 40 טויזענד מאַן.

— די טשעכישע רעגירונג אין אָנבליק פון די געשעהענישען האָט זיך געזעהען צו צווינגען צו שליסען די גרעניצען און ארויסצוגעבען א פערבאָט צו פערלאָזען די גרעניצען פאַר מענער פון 18 ביז 60 יאהר.

— נאָך דער בעראַטונג פון די פראַנצויזישע און ענגלישע מיניסטאָרען איז ארויסגעגעבען געוואָרען א דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס זאָגט זיך, אַז ס׳איז געקומען צו א הסכם אין דעם זין, אַז טשעכיען דאַרף פרייוויליג אָבגעבען דייטשלאַנד די געביטען, וואָס זענען בעוואוינט פון 75 פּראָצענט דייטשען און פון די איבריגע טיילען דאַרף געשאַפען ווערען א נייטראַלע זאָנע.

— די ידיעה, אַז פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבען מסכים געווען צו דער חלוקה פון טשעכאָסלאָוואַקיי—האָט אין פּראָג געמאַכט אַנ׳ערשיטערענדען איינדרוק. די פּראַגער פּרעסע איז ארויס מיט ארטיקלען, וואו די קעפּ זענען געווען פערזעהען מיט אויפשריפטען: פראַנקרייך האָט אונז פעררעטען.

— טשעכיען האָט בעקומען אַנ׳אולטימאַטום פון לאָנדאָן, אַז אין פערלויף פון 24 שעה דאַרף זי געבען ענטפער צי זי איז מסכים אויפ׳ן פאָרשלאָג פון פראַנקרייך און ענגלאַנד בנוגע דער חלוקה.

— אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן אולטימאַטום זענען פערשפּרייט געוואָרען קלאַנגען, אַז פּרעזידענט בענעש האָט בדעה צו דעמיסיאָנירען, ווייל ער וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין צו לייגען זיין אונטערשריפט אויף אַנ׳אַקט, וואָס איז געגען דער קאָנסטיטוציע, וועלכער ער האָט געשוואוירען טרייהייט. אין רעזולטאַט פון דעם זאָל געשאַפען ווערען א רעגירונג פון מיליטער-לייט.

— טשעמבערליין איז מיטוואָך פריה צום צווייטען מאָל געפלויגען צו היטלער׳ן מיט נייע פּלענער.

— אויפ׳ן ארץ-ישראל-פראָנט איז ווייטער אונרוהיג. ס׳קומען פאָר טאָגטעגליך טעראָר-אַקטען און צוזאַמענשטויסען צווישען דעם ענגלישען מיליטער און אראַבישע טעראָריסטען.

— במשך פון דער היינטיגער וואָך זענען אין ארץ-ישראל גע׳הרג׳עט געוואָרען 6 יודען און פיעל זענען פערוואונדעט געוואָרען פון די שיסערייען און אראַבישע אָנפאַלען.

— נאָכ׳ן אולטימאַטום פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, האָט פּראַג איבערגעלעבט א טראַגישע נאַכט. ס׳זענען כסדר פאָרגעקומען בעראַטונגען און דיפּלאָמאַטישע געשפּרעכען מיט די אַמבאַסאַדאָרען ביי וועמען די טשעכישע רעגירונג האָט זיך אינפאָרמירט וועגען די שטימונגען אין לעצטען מאָג. לאָנדאָן און פּאַריז האָבען דערווייל געמאָלדען, אַז די טשעכישע רעגירונג האָט אָנגענומען די בעדינגונגען, אָבער פון פּראַג איז וועגען דער זאַך נישט אָנגעקומען קיין קלאָרער ענטפער.

— ביים יעצטיגען מאָמענט איז נאָך נישט גענוי בעוואוסט, צי פּראַג האָט קאַפּיטולירט. ווי ס׳זאָל אָבער נישט זיין דער אויסגאַנג פון דעם דאָזיגען דראַמאַטישען גראַנגעל, קען מען שוין פעסטשטעלען, אַז טשעכיען איז געוואָרען פערלאָזט פון איהרע פערבינדעטע און בלייבט איזאָלירט אינ׳ם דאָזיגען קאַמף און וועט זיך זיכער נישט קענען אַקעגענשטעלען דער איבערמאַכט פון דער דייטשער ברוטאַלער פויסט און וועט סוף-כל-סוף מוזען קאַפּיטולירען.

— דאָס אָבגעבען דעם סודעטען-געביעט צו דייטשלאַנד האָט ענגלאַנד און פראַנקרייך אָבהענגיג געמאַכט פון דער פערפליכטונג, אַז ס׳וועט טשעכיען גאַראַנטירט ווערען אונאָבהענגיגקייט און פרייען צוטריט צו רויה-שטאָפען, וואָס וועלען איהר אוועקגענומען ווערען מיט׳ן איינגלידערן די סודעטען צום רייך. דערווייל האָט זיך מוסאָליני שוין ארויסגעזאָגט געגען געבען וועלכע ס׳איז פערפליכטונג פאַר טשעכיען, כל-זמן ס׳וועט נישט געלעזט ווערען דאָס פּראָבלעם פון די איבריגע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אין דער איצטיגער טשעכאָסלאוואַקיי.

גוטע קויהלען צום ווינטער-סעזאָן

בעקומט איהר אויסשליסליך

אין דעם הורט - געשעפט און גרובען - פערטרעטונג

„טעכנאָזיל"-א. זילבערשטיין

אלעע קאָשטשושקי 23. טעל. 18-60

אין וואַגאָן-לאָדונגען און אויך אויף איינצעלנע פוהרען.

די איינציגע קוועלע, וואו מ׳בעקומט די בעריהמטע ערשטקלאַסיגע קוואַליטעט „גיעשע" ווי אויך „פלאָרא" און „פאַריזש" און אַנדערע פּרימאַ-קוואַליטעטען איז נאָר „טעכנאָזיל". סאָלידע און שנעלע בעדינונג.

אין דער פמליה של מעלה

אַזאַ טומעל, אַזאַ רעש, ווי איך האָב היי יאהר געטראָפען אין דער פמליה של מעלה, געדענק איך שוין נישט פון כמה יאהרען, א קליינינקייט! עס דאַרף דעצידירט ווערען דער גורל פון אייראָפּא און אויך פון דער גאַנצער וועלט, די וואָזשנעס-מלאכים לויפען ארום מיט די אַקטען אונטער די אָרעמ׳ס און וואָס אַמאָל רופען זיי אַריין א צווייטען עדות אָדער בעשולדיגטען.

איך קוק זיך אַרום אין וואַרטע זאַל און זעה דאָרט זיצען הויכע פערזענליכקייטען, פיהרער פון גרויסע אימפּעריעס, פאָרשטעהער פון פעלקער און נאַציעס און אַלע וואַרטען אויף זייער רייה.

פון געריכטס זאַל הערט זיך א פעסטע שטימע, וואָס מאַכט דעם איינדרוק ווי א האַוקען, גענוי, וואָס ס׳ווערט גערעדט איז נישט מעגליך צו פערשטעהן. דאָס קול איז אָבער זעהר נישט סימפּאַטיש און מאַכט דעם איינדרוק ווי ס׳וואָלט געגרילצט. פרעגען דעם וואָזשני, ווער עס איז דער, וועלכער גיט איצט אָב ערקלערונגען פאַר׳ן געריכט, האָב איך נישט געהאָט נויטיג, גאָר פשוט, איך האָב זיך משער געווען און אַז איך האָב נישט געהאָט קיין טעות, האָט עס זיך באַלד בעשטעטיגט, ווייל אין א קורצער צייט אַרום האָט זיך געעפענט די טהיר און עס איז ארויס איינער א נידריגער מיט קורצע שוואַרצע וואָנסעלעך און נאָך איהם האָט זיך נאָכגעשלעפּט, א פערשוין, וואָס האָט געמאַכט מיט די הענד און פיס אַזוי ווי ער וואָלט געגעבען א לעקציע פון גימנאַסטיק...

איך האָב אויסגענוצט די געלעגענהייט פון דער פויזע און זיך אַריינגעכאַפּט אין געריכטס-זאַל, די פענסטער זענען נאָך געווען אָפען, דאָס האָט מען געוואָלט ריין מאַכען די לופט וואָס איז בעת מעשה פערפעסטעט געוואָרען...

ווען די לופט איז ענדליך ריין געוואָרען. האָט מען אַריינגערופען דעם ד״ר „ביינעש", וועלכער האָט אויסערליך געמאַכט א זעהר גוטען איינדרוק. אויך גערעדט האָט ער רוהיג, כאָטש זעהר קאַטעגאָריש—זיין פאָלק שטרעבט צו שלום, די גאַנצע 20 יאהר נאָך זייער תחית-המתים האָבען זיי נישט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנד. זיי האָבען קיינמאָל נישט געוואָלט קיינעמ׳ס. און ווען מען וויל איצט ביי זיי צונעמען, וועלען זיי זיך נישט לאָזען צורויבען קיין איין שפּאַן ערד. זיי ווייסען, אַז זיי זענען שוואַכער פון דעם, וועלכער וויל זיי בעפאַלען. זיי געדענקען אָבער גוט די תורה פון זייער גרויסען לעהרער, וועלכער האָט געפּרעדיגט: בעסער צו פאַלען אין קאַמף פאַר א גערעכטע זאַך איידער צו לעבען אין קנעכשאַפט.

„מיר האָבען ליעב די פרייהייט—רעדט ווייטער דער ד״ר „ביינעש"—מיר גיבען אויך די זעלבע פרייהייט אַנדערע, אַלעמען, אַלע, וואָס פערשטעהען ווי אַזוי אויסצונוצען די פרייהייט. ווי שקלאַפען, וועלען מיר זיך אָבער נישט לאָזען בינדען.

רופט אַריין דעם דזשענטעלמאַן—איז געפאַלען א בעפעהל פון געריכטס-פאָרזיצער און באַלד האָט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אַריין א הויכער מאַן מיט א צילינדער אויפ׳ן קאָפּ א פאָלערין אויף די פּלייצעס און א מאָנאָקאָל אין אויג.

וואָס וועט איהר זאָגען, פרעגט דעם אַריינקומענדען דער געריכטס-פאָרזיצער, ווי אַזוי מאַכט מען עפּעס, אַז דער שלום אין דער וועלט זאָל אָנהאַלטען, ווארום—מאַכט איהם אויפמערקזאַם דער פאָרזיצער—אין אייך מיסטער איז א סך געזאָגנדען, איהר דאַרפט רעדען קלאָרע דבורים.

עקסיוזמי, פערנויגט זיך מעשה דזשענטעלמען דער עדות. וואָס זאָל איך זאָגען, אוודאי איז דער ד״ר „ביינעש" גערעכט, אויך מיר האַלטען, אַז דאָס פאָלק, וועלכעס מען וויל איצט בעפאַלען, איז כשר גערעכט. וואָס קומט אָבער א ווּס, אַז מיר לעבען איבער אַזאַ צייט, אַז גערעכט איז דער, וועמ׳ ס׳האָט מעהר חוצפה, איך האַלט פון כלל, אַז פאַר א דזשענטעלמען פּאַסט נישט זיך ארויסצושטעלען מיט א בילעוועמען, פינדעסוועגען, האָב איך שוין אפילו נישט געקוקט אויף מיין כבוד און זיך פערזענליך געוואָנדען צו דעם חברה-מאַן, אָנגעקלאַפּט אין זיין טהיר און זיך פאַר איהם געבוקט, אַזוי ווי עס זאָגט דער פסוק: תעלה בעידנה סגיד לה. נאָר אַז יענער שרייט און מאַכט געוואַלטען, קלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אריין, און דראָהט מיט א וועלט-שרפה, איז דאָך נישטאָ וואָס צו מאַכען. בין איך דעריבער גרייט — לאָזט אָראָב די אויגען דער דזשענטעלמען — מוותר צו זיין אויף א שטיק טעריטאָריע אבי ס׳זאָל זיין שלום ושלוה.

— מיט אייערס וועט איהר זשאַנדזשען — איז געפאַלען א צווישענרוף פון אַנוועזענדען ד״ר ביינעש — מיט אונזער ערד וועלען מיר שוין אַליין שאַפען. דער דזשענטעלמען האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט דעם מאָנאָקל פון אויג און געהיימניספול א שמייכעל געטהון צום אַריינקומענדען עדות. א לעבעדיגער יונג מיט א פאָר פיינע וואָנסעס אויסגעפּוצט מיט פּאָמאָדע, וועלכער האָט זיך פערנויגט מיט א הויכען „באָן שור".

נישט וואַרטענדיג ביז ער וועט בעקומען ס׳וואָרט, האָט דער עדות שוין אָנגעהויבען צו רעדען און מאַכען מיט די הענד — עס איז א חוצפה פון דעם בעל דבר צו קומען יעדען טאָג מיט נייע פאָדערונגען — רעדט דער עדות הויך פאַר פייער און וואַסער — וואָס מעהר מען גיט איהם נאָך, אַלץ מעהר עזות פנים ווערט ער. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף איהם נישט לאָזען וואַקסען, ווייל מעהר ווי צרות וועט מען פון איהם נישט האָבען, און ווען נישט אַט א דער דזשענטעלמען, ווייזט ער אָן מיט׳ן פינגער אויפ׳ן פריערדיגען עדות, וועלכער פיהרט א צוויידייטיגע פּאָליטיק, וואָלט איך יענעם חוצפּה׳ניק די מאָרדעס צושלאָגען בעת ער האָט מיט א פאָר יאהר צוריק צוריסען אונזער אָבמאַך.

וועגען דעם איצטיגען ענין, איז מיין מיינונג אָנצווענדען סאַנקציעס. מען דאַרף — צוהיצט זיך דער הער וואָס אַמאָל אַלץ מעהר — שוין ארויסטרעטען מיט׳ן חומר הדין, מען דאַרף — א קאַלטער בליק פון דזשענטעלמען האָט אָבער אָבגעקיהלט דעם צוהיצטען עדות, וועלכער איז פּלוצים שטיל געוואָרען און זיך געמיטליך אוועקגעזעצט נעבען דזשענטעלמען און זיך אָנגעהויבען מיט איהם שטיל צו סוד׳ען...

דער וואָזשני האָט געמאָלדען דעם געריכט, אַז אַלס עדות האָבען זיך נאָך געמאָלדען דער דער פעטער סטאַל מיט די גרויסע וואָנסעס און מיט׳ן בייזען בליק, דאַן דער קולטור-פערשפּרייטער צווישען די ווילדע אַביסיניער, דער בעפרייער פון שפּאַניען און נאָך א רייהע וויכטיגע און נישט וויכטיגע עדות, דאָס געריכט האָט אָבער בעשלאָסען זיי נישט אויסצוהערען. אין די מאָטיוען צו דעם בעשלוס ווערט געזאָגט, אַז היות נאָך די ערקלערונגען פון דזשענטעלמען מיט זיין פערבינדעטען איז שוין קלאָר דער גאַנצער ענין, איז דעריבער א שאָד די צייט זיך צו פערנעמען מיט׳ן גבית עדות. איבערהויפּט, ווערט אונטערגעשטראָכען אין די מאָטיוען, איז דאָס הימלישע געריכט פערוואָרפען מיט פיעל ארבייט, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין משך פון גאַנצען יאהר.

פערלאָזענדיג דעם געריכטס-זאַל, האָב איך געכאַפּט א שמועס מיט׳ן געריכטס סעקרעטאַר, וועלכער גרייט צו די אַקטען פאַר די ריכטער. אויף מיין פראַגע, צי עס זענען עפּעס היי-יאהר פערהאַן פּיקאַנטע ספּראַוועס, האָט מיך יענער אָנגעקוקט ווי כ׳וואָלט געווען חסר דעה;—מענש! זאָגט ער צו מיר, דו קאָנסט דיר פאָרשטעלען, וואָס דאָ טהוט זיך, פערגעס נישט, אַז בלויז די איינע ספּראַווע, וועלכע דו האָסט בייגעוואוינט, וועט זיך שלעפּען נאָך עטליכע וואָכען. דאַן וואו זענען עפּעס די וואַהלען צום: סיים, סענאַט און די שטאָדט ראַטען אין פּוילען. גיב א קוק—ווייזט ער מיר אָן אויף א פּאַק פּאַפּירען, וועלכע זענען אָנגעקומען, אָט דאָס זענען ביטעס פון אונזער בעקאַנטען לייבעלע מינצבערג, אליהו מאָזור און מראָקענהיים וועגען זיי בעשטימען אלס דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען אין נייעם סיים און סענאַט. דאַן וואַרט נאָך א רייהע פּראָצעסען, וועגען די מוסרים, וועלכע מאַכען חרוב דאָס יודישע לעבען. מיט זיי, רוימט מיר איין אין אויער דער געריכטס-סעקרעטאַר—וועט מען דאָסמאָל מאַכען קורץ און שאַרף—דאַן איז נאָך דאָ, ווייזט מיר ווייטער דער סעקרעטאַר א רייהע פּראָצעסען פון די—איך האָב אָבער שוין ווייטער נישט געוואָלט הערען און זעהען און בין געלאָפען דערצעהלען, וועגען דעם עדות זאָגען פון דזשענטעלמאַן און זיין פערהאַלטען זיך בנוגע די רעדע פון זיין פערבינדעטען און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיט׳ן פעטער „ביינעש" איז זעהר נישט היימליך, סיידען זיי וועלען זיך אָבזאָגען פון דער גוטער פריינדשאַפט און מליצי-ישרים פון אַזעלכע „דזשענטעלמענער" און וועלען אַלץ שטעלען אויף אייגענע כחות און טאַקי ערפילען די לעהרע פון זייער גרויסען רבי׳ן.

„איידער צו לעבען אַלס שקלאַפען איז בעסער צו שטאַרבען אַלס העלדען".

סמאל

אברהם פויגעל

די שפּאַנישע קעניגין

באַללאַדע

וואָס יובלען די שפּאַניער, טומלען זיי היינט?
ווער האָט עס אין שטאָדט צעפּראַלט די טויערן,
ווי באַלד די זון האט נאר אויפגעשיינט?
וואס קריכען די יונגען ארויף אויף די מויערן?
קיין קריסטליך-הייליגער היינט נישט געבוירען,
קיין אָקס דערהרג'עט, בעזיגט קיין פיינד!
וואס יובלען די שפּאַניער היינט?!

עס לייכט היינט די זון מילד און ווייך
שיקט גאָלדענע שטראַהלען אלעמען גלייך
פרייד, אָ שפּאַניער, גיעט זי גור אייך!
אָ גייט און זעהט דעם מוירען וועג, *)
וואס בינדט די שטאָדט מיט דער פעלזיגער היין;
(דא זענען אמאל אין הייסע טעג
די מוירען *) אַנטלאָפען אין ווילדען געיעג)
היינט איז דאָ אָרויס אנערב-רב,
עס שרייען פאַרבען בונטע ווי בלוט.
„אָ היינט... היינט איז תשעה-באב,
א תענות ביי יודען, א גרויסער טרויער
היינט טרייבט מען זיי ארויס פון שטאָדט –
ס'אָרט שיין בילד וועט דאָך דאס זיין!
אָט דאָ, דורכדאָנען פון דעם טויער
אויפ'ן הייסען זאַמד אין זאָקען
און ארום וועלען הילכען די גלאָקען".'

און די זון זיך האָט צעפלאָקערט, צעברענט
און פערפלייצט דעם גרויסען זאַל פון מארמור
מיט די פאַרבען-רייכע, הערליכע ווענט,
אַראַבישע זיילען און גאָטיק-סטרוקטור,
וואו דער קעניג זיצט מיט די לאַנגע האָהר,
די מלכה ביי זייט, אויף דער רעכטער האַנד
מיט פערריסענער נאָז, שטייפער פיגור,
גלייך, ווי פון שטיין א מאָנומענט.
אָרום די הויפלייט און הערען פון לאַנד
און דער בישאָף מיט לאַנגע, ווייסע הענד
וואו ס'פינקעלט פון פינגער אָ גרויסער ברילאַנט.

פלוצים האבען גלאָקען קלינגען אָנגעהויבען:
פון אָנהויב גור איינער
שטיל און שוואַך,
ווי אָ יונג א קליינער,
וואָס לאַכט.
דערנאָך באַלד א צווייטער,
שוין העכער און ברייטער,
מיט מעטאַלענעם קלאַנג:
גלין גלאַנק, גלין גלאַנק!
דערויף גלייך א דריטער
צעיאָמער'ט זיך ביטער
דער פיערטער שרייט באַלד:
„געוואַלד, געוואַלד!"
און דאס גלאָקען געזאַנג
פערהילכט אַלץ און שאַלט.
עס טרייסלען די גלאָקען זיך איבען,

ווי אין פעלד די גאָלדענע זאַנג,
ווי אלול די בוימער אין וואַלד
טרייסלען און שאָקלען די גלאָקען זיך אויבען.

און הויך הויבט אויף איזאַבעל דעם בעכער
מיט פורפור-גאָלדען, שוימענדען וויין:
„האָ, זינגען זאָל מען, פריילעך זאָל זיין;
היינט ווערט שפּאַניען גאַנץ יודען-ריין,
מען טרייבט זיי ארויס, ווי מייז פון די לעכער
די ליגנער, שווינדלער..., געמיינע פערברעכער.
היינט מוז זיין אימעטום פריילעך
מיין ווילען איז דאָך דער ווילען פון מלך!
אלעס זאָל שפּילען, אלעס זאָל זינגען
קיין שפּאַניער זאָל בלייבען צוריק!"
אין דרויסען האבען גלאָקען געקלינגען
געשאַלט און פערטויבט די מוזיק.

„אויפגערוימט אַלעס, די קעפּ מיר ארויף!
רופט נור אָהער דעם מיניסטער פון הויף
ער האט עס טאַלענט צו דעקען דעם טיש
פון די טייערסטע וויינען, זעלטענסטע פיש.
געדענקסט דאמאלס, פערנאַנד, די סעודה ביינאכט,
וואס ער האט געגרייט אויף זיין פּרעכטיגען יאכט?"
דער בישאָף האָט ס'וואָסער פון מויל פערווישט
און דער קעניג האט הארציג און שטאַרק זיך צעלאַכט:
„דאָן סאַלמאָן אָט יעצט אין דער שעה גראָד
פערלאָזט אלס יוד פערטריבען די שטאָדט!"

די מלכה פערוואונדערט צעקנייטשט האט דעם שטערן:
„אַזוי גאָהר?... ווער דאַרף זיי די בויכיגע הערען
מיט די אָדלער-נעז, מיט די פליישיגע פינגער?
פיליפּ וואו איז דאס, דער געטליכער זינגער?
זאָל ער קומען און זינגען די שעהנע ליעדער
פון ראָלאַנד און קאָרל און הייליגען גראַל
און זאָלען זיי אלע אויפלעבען וויעדער
אין אָט אָ דעם גרויסען, הערליכען זאַל!"

איז ווער געלאָפען דער קעניגין דיענען
און – א געמורמעל באַלד, ווי ס'זשומען פון ביהנען:
„נישטאָ ווער ס'זאָל הערליך זינגען אָ ליעד
פיליפּ – אָ איד, אָ איד, א איד!"

„האָ, אָ איד?..." די מלכה ווערט ווייס ווי קאַלך
„אָ איד? פיליפּ?! האָ, האָ... אויך א פיגור!
נישט קיינמאָל קיין גוטער געווען טרובאַדור;
כ'האָב שטענדיג געזאגט. פערנאַנד, ס'איז וואָהר?"
דער קעניג ווינקט צו, פערנייגט זיך דער גלח

„זאָל מען דאָ רופען דעם הויף-אָרקעסטער
און כאר, וואס איז אויף דער וועלט דער בעסטער
פון יונגע קינדער פיערציג אין צאָהל,
און זאלען זיי שפּיעלען בעסער און פעסטער,
ווי זיי קאָנצערטירען דאס אַלע מאָהל
און זאלען זיי שפּיעלען בייזאמען און זינגען
אויף האַרפע, פּוזאַנען און פלייטש
און זאָל זיך דאָס גאַנצע לאַנד צעקלינגען
ווי לאַנג איז שפּאַניען און ברייט!"

„אָ קעניגין!" האט ווער פון הויפלייט געזאגט
„די שפּילערס האט מען פון לאַנד פעריאָגט
מען האט אָ יעדען דערשנאַפּט מוזיקאַנט
וואוהין נור זיין פוס האט אריינגעדרינגען
און ארויסגעטריבען' פון שפּאַנישען לאַנד!"

אין דרויסען האבען גלאָקען געקלינגען.

– – – – – – – –

פאַרוואָס האָט איזאַבעל דעם קאָפּ געבויגען,
האָסטיג געריקט זיך צוריק?
א נעפעל פערשלייערט דער מלכה די אויגען
שטאָר און פערשטומט איז איהר בליק...

...פלוצים די הויפּט-טהיר זיך אויפגעמאכט –
אָ צוג גייט אָדורך אינדערמיט –
לאַנג ווי אָ טייך, שוואַרץ ווי די נאַכט
שטיל, מען הערט נישט קיין טריט.

שנעה-ווייסע בערד, הויכע געשטאַלטען
און הייליגע ספרים אין אָרעמס געהאַלטען
און פעך-שוואַרצע אויגען – פייער-פלאַמען
און קראַנקע פרויען ליגען אויף וואָגען
און קינדער שעהנע אויף פּלייצעס געטראָגען
וויינען און טוליען זיך צו דער מאַמען

און דער צוג אָהן עק גייט און גייט
ס'געהען שטאָלצע יונגעלייט
ס'געהען ריטער, רייכע הערען
ס'געהען גראַפען, אָפיצערען
און באַראָנען, מיניסטאָרען
שרייבער, זינגער, סענאַטאָרען
וואָס איז דורך דער צייט פון זיי געוואָרען?!
בלייכע מאַסקעס פון פיין און לייד
קיין שמייכעל אויף ליפען, קיין שאָטען פון פרייד
אָך ווי צעבראָכען, פערפייניגט, געפלאָגט!
און פ'ציהען מחנות שטומערהייט
און ס'גייט דער צוג און גייט און גייט
און ס'נעהמט נישט קיין סוף, מ'זעהט נישט קיין עק

„אוועק פון מיר, אוועק!... אוועק!!!"

דרויסען האָבען גלאָקען געגלאָקט.

– – – – – – – –

„דעם דאָקטאָר!" – עס רופט דער קעניג – שנעלער!
די קעניגין חלש'ט, די קעניגין פאַלט!
אראָב די וויינען, פלעשער, טעלער,
דעם דאקטאר ברענגט, דעם דאקטאר באַלד!
דער דיענער לויפט, ווי פייל אויס בויגען
און באַלד צוריק קומט ער געפלויגען:
„אוועק דאָן אַנטאָניאָ!" און אונטערטעניג
פערנייגט ער דעם קאָפּ און געהט
– „וואוהין?" פרעגט פערוואונדערט דער קעניג
– „אויפ'ן מוירען-וועג, מאָיעסטעט!"

*) די מוירען — אראבער.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

תכלה שנה

און ווידער געהט אוועק א יאהר אין דער אייביגקייט. ס'פערשטעהט זיך אז דאס מיינט מען דאס יודישע יאהר, וואס איז אָנגערופען געוואָרען תרצ"ח זיין בעדייטונג איז תרצ"ח-רויבען.

אין אונזער תורה שטעהט לא תרצח. דו זאָלסט נישט מאָרדען. דערפאַר אָבער זענען מיר יודען גערויבט און געמאָרדעט געוואָרען, סיי אין אייראָפּאַ, סיי אין ארץ ישראל.

אויפ'ן שוועל פון נייעם יאהר זאגט אונז די לופט אָן נישט קיין גוטע נייעס דער הימעל איז פערוואָלקענט דער ת.ר.צ.ח. הענגט אין דער לופט און דער, וועלכער האט דעם לאו פון די עשרת-הדברות פאַר זיין וועלט אנשויאונג, האַלט אין איין פאָכען מיט דער שווערד געגען דער גאנצער וועלט און ספּעציעל געגען יודען.

ער האַלט, אז דער לא תרצח איז א יודישע אויסטראַכטונג, און דעריבער דאַרף מען עס בעקעמפען, ווייל על חרבך תחיה עט לעבט נאָר אַדאַנק דער שווערד, וועלכע ער האַלט כסדר אין האַנד און דראָהט דער גאנצער וועלט.

תכלה שנה.

עס וואָלט באמת געווען די העכסטע צייט, אז דאס קלאָגנדיגע יאהר, וועלכעס געהט אוועק זאָל זיך מעהר נישט אומקעהרען. זאָל עס פערשוואונדען ווערען לעולם ועד, נישט נאָר פון קאַלענדאַר, נאָר טאַקי פון לעבען. טויזענדער פון אונזערע ברודער וועפּרען פערפּייניגט אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן און ערמאָרדעט. איז דעריבער: עד מתי? ווי לאַנג נאָך וועלען מיר זיין דער שעיר לעזאזל פאַר די וועלט'ס חטאים, תכלה הרשעה, זאָל דער היטלערישער גייסט אוועק צוזאמען מיט'ן תרצ"ח, וואס איז געווען זיין סימבאָל.

תכלה שנה.

דער יריד אויפ'ן בית-עולם

עס איז שוין אַן'אַלטער כלל, אז וואס מעהר עס איז שלעכט די לעבעדיגע, אַלץ מעהר קלאַמערט מען זיך צו די טויטע.

דער בית-עולם קאָן זיך נישט בעקלאגען קיין שום יאהר אויף פערקוועניק, נאָר דאָס, וואס האט זיך הייאהר געטהון אויפ'ן בית-עולם איז נישט געווארען פערצייכענט ביז היינט.

באַלד אין אָנהויב חודש אלול האט מען גענומען שטראָמען אויף קבר אבות. די סליחות טעג אָבער איבערהויפּט זונטאג צו די ערשטע סליחות איז דער בית עולם פערוואַנדעלט געווארען אין א שטורעמדיגען קעסעל. טויזענדער בעזוכער האבען בעלאַגערט די קברים, אריינגערעדט צו די טויטע, זיי דערצעהלט וועגען די צרות, וואס די לעבעדיגע ליידען און זיי אויפגעפאָדערט זיך צו בעמיהען, אז עס זאָל בעסער ווערען, ווארום אַנדערש איז א סך ליבער דער טויט, איידער אַזאַ לעבען.

וואס פאַר אַן'איינדרוק די דאָזיגע רייד האבען געמאכט אויף די טויטע איז נישט בעוואוסט, ווייל די געשטאָרבענע האבען א טבע נישט צו ענטפערען, זיי לוינט נישט צו פערלירען קיין רייד. דערפאַר אָבער האבען די אָרימע לייט, וועלכע זענען אויך געקומען אין די הונדערטער, זיי האבען יאָ שוין רעאַגירט, זיי האבען געמאכט אַזעלכע געוואַלדען, אז מען האט געקאָנט ביי זיי טויט ווערען. זיי זענען פשוט אריינגעקראָכען אין די קעשענעס און אז מען האט זיך לעבעדיגערהייט אַרויסגעריסען פון זייערע הענד, האט מען געדאַרפט גומל בענשען.

דער בית עולם איז אויך געווען פול מיט „מלא"-מאָכערס. עס האט זיך אויסגעמישט דאס געוויין פון די קבר-אבות'ניקעס, דאס געזאַנג פון מלא-מאכער'ס, מיט'ן געשריי פון די ארימעלייט און געשאַפען א טויטען-סימפאָניע.

מיט איין וואָרט–מיר האבען געהאט הייאהר א געראָטענעם בית-עולם-יריד.

אָבגעפערטיגט זיך מיט די טויטע, וועלען מיר א קוק טהון, וואס ס'מאַכען אונזערע לעבעדיגע, וועלכע זענען אויך האַלב טויט...

פון וואַשינגטאָן ביז קאָפּערניק...

ס'פערשטעהט זיך, אז איך וועל דאָ נישט געבען קיין אָבשאַצונג פון די צוויי גרויסע היסטאָרישע פערזענליכקייטען, נאָר איך וועל רעדען וועגען די גאַסען פון טשענסטאָכאָוו, וועלכע רופען זיך אויף די נעמען פון אָט די צוויי גרויסע מענשען. דאס זענען די גאַס וואַשינגטאָנאַ און קאָפּערניקאָ און זיי געפינען זיך אין דער געגענד פון אַלעע וואָלנאָשטשי.

אין דעם שטיקעל פלאַץ, וואס געפינט זיך צווישען די גאַסען וואַשינגטאָנאַ און קאָפּערניקאָ ווערען טאג טעגליך די דורכגעהענדע יודען בעפאַלען דורך כוליגאַנעס אויף א העסליכען אופן. עס געהט נישט אַדורך קיין איין טאג, אז יודען זאָלען אויף דעם אָרט נישט צושלאַגען ווערען. דאס הייסט נישט, אז אין אַנדערע טיילען פון דער שטאדט גריפּט מען נישט אָן יודען, נאָר דאָרט, אין דעם ווינקעל קומט פאַר ממש א ווילד געיעג אויף יודען.

עס איז די איראָניע פון גורל, וואַשינגטאָן, דער ערשטער אַמעריקאַנער פּרעזידענט, וועלכער האט איינגעפיהרט אין זיין לאַנד די אמת'ע דעמאָקראַטיע, גלייכע רעכט פאַר אלע גאָט'ס בעשעפעניש'ען; קאָפּערניק, דער פילאָזאָף, וועלכער איז געווען דער אמת'ער מענשען פריינד און דאָן די גאָס „וואָלנאָשטשי", וואס זיין טייטש איז פרייהייט, אָט אין דעם דאָזיגען דרייעק, וואס סימבאָליזירט ברודערליכקייט, עטיק און פרייהייט, ווערט די מענשליכקייט אויפ'ן ברוטאַלסטען אופן פערשוועכט און בעליידיגט.

טאג-טעגליך ווענדען זיך צו אונז יודען מיט פערבאַנדאַזשירטע קעפּ, וועלכע זענען צו'ממית'ט געוואָרען אויפ'ן „פרייהייטס"-פּלאַץ, וואס געפינט זיך צווישען וואַשינגטאָנאַ און קאָפּערניקאָ.

מערקווירדיג איז אויך דאָס, וואס די אָרדנונגס-היטער, וויסען גאָר נישט וואס עס טהוט זיך אָב אָט אין דעם דאָזיגען טעמפען ווינקעל. ווייל עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אז ווען זיי וואָלטען וועגען דעם יאָ געוואוסט וואָלען זיי נישט מאכען קיין אָרדנונג? איז דעריבער דער חוב פון אונזערע פאָרשטעהער, אז זיי זאָלען אויפמערקזאַם מאכען די נטורי-קרתא און זיי אָנווייזען אויף דעם, וואס ס'קומט פאָר פון וואַשינגטאָן ביז קאָפּערניק...

מסתמא פּאַסט עס זיי נישט...

ביי אונז זענען פונדעסטוועגען נאָך פערהאַנען יודען, וועלכע-נישט קוקענדיג אויף די מאָראַלישע יסורים, וואס זיי לעבען אָדורך די איצטיגע צייטען האבען זיי דאָך נאָך נישט די פערשטענדניס פאַר יודישע ענינים און טולען זיך צו דוקא דאָרט, וואו מען וויל זיי נישט האבען.

פערפאַלען, אַזעלכע קנעכטישע נשמות האבען זיי שוין אונזערע יודען.

דערצעהלען וועגען דעם בפרטיות וואָלט קיין טינט נישט געסטייעס, וועל איך דעריבער נאָר דערצעהלען איין פאַקט. א יודישע משפחה, וועלכע האט פערגאַנגענעם זונטאג געשטעלט א מצבה האט די מודעה וועגען דעם געגעבען דווקא אין א פּוילישער צייטונג, כאָטש וועגען דעם האט זיך פריהער געוואַנדען די אַדמיניסטראַציע פון א יודישער צייטונג, וועלכע האט פון דער טאָכטער פון פערשטאָרבענעם בעקומען אַן'אָבזאָג מיט'ן מאָטיוו, אז „זשאַרגאָנו ניע אוּנאַיעמי".

מען דערצעהלט, אז א היגער אַסימילאַטאָר, וועלכער האט פון יודען און יודישקייט קיינמאָל נישט געוואָלט וויסען האט לעצטענס געליטען אַזאַ מאָראַלישע מפּלה פון זיינע קולטור-מקורבים, אז ער האט זיך דערמיט בעקלאגט פאַר זיינע נאָהנטע. ער האט זיך קיינמאל נישט פאַרגעשטעלט, אז איהם, דעם אינטערשטיצער פון אלע קולטורעלע אונטערנעהמונגען,

דער טרויעריגער ראש־השנה תרנ"ה

(פון דער נאָהנטער פערגאנגענהייט)

פון יחיאל טשענסטאכאווער

אין יאהר תרנ"ד (1894) האט איבער גאנץ אייראָפּא געבושעוועט די עפּידעמיע, וועלכע איז בעקאַנט געווען אונטער'ן נאָמען „כאָלעראַ" (חולייראַ). די קרענק האט זיך אויסגעדריקט אין א פּלוצלינגען בויך־קראַם. וואס האט געוועהנליך נאָך עטליכע שעה שווערע ליידען געברענגט דעם טויט. פון דער מגפה האט מייסטענס געליטען די אָרימע בעפעלקערונג, וועלכע האט זיך נישט געקענט ערלויבען צו עסען פרישע און געזונדע מאכלים און צו וואוינען אין לופטיגע דירות.

די עפּידעמיע האט אויך נישט אויסגעמיטען אונזער שטאדט, און צווישען די שטעדט אין פּוילען, וועלכע די עפּידעמיע האט שטאַרק בעהערשט — האט טשענסטאכאוו פערנומען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ.

די מאַכט האט אָנגענומען פעריזיכערונגס מיטלען, אז די קראַנקהייט זאָל זיך נישט נאָך מעהר פערשפּרייטען. עס איז בעשווערט געוואָרען דער פערקעהר מיט די שכנות'דיגע שטעדט; פערבאָטען געוואָרען דער אריין- און אַרויספיהר פון לעבענסמיטלען און פרוכטען. די חדרים און שולען זענען געשלאָסען געווארען. די הייזער, וואוינונגען און גאַסען האבען געמוזט עטליכע מאָל אין טאג דעזינפעצירט ווערען. די הויז־ווירטען זענען געצווינגען געווארען וועגען יעדען פאַל פון קראַנקהייט צו וויסען צו טהון דער מאַכט. אין א ספּעציעל בעשטימטען דערצו לאָקאַל, האט דיזשורירט טאג און נאַכט א דאָקטאָר, וועלכער האט ערטיילט אומזיסט מעדיצינישע הילף.

די רעגירונג האט בעפרייט פון צאָל דעם אריינפוהר פון בראָנפען און שפּירט פון דייטשלאַנד, ווייל דאס איז געווען, לויט דער אַנערקענונג פון די דאָקטוירים, איינע פון די בעסטע מעדיצינען פאַר די מגפה ליידענדע ווי אויך פאַר די, וואס געהען אום ביי די קראַנקע.

די שטאדט פערוואַלטונג האט געעפענט אויף דער וואַרשער גאַס א ספּעציעל שפּיטאַל פאַר די עפּידעמיע־קרבנות, וואו עס זענען געהיילט געווארען אלע טשענסטאכאווער מגפה־קראַנקע אָהן אונטערשיד פון יוד און נישט יוד. צווישען די דאָקטוירים, וואס האבען זיך אָבגעגעבען מיט'ן שפּיטאַל, זענען אויך געווען צוויי יודען דאָקטאָר עדוואַרד קאָהן און דאָקטאָר העבריק שפּיגעל.

אויך אין דער פערהיטונגס אַקציע געגען דער מגפה האבען יודען גרויסען אַנטייל גענומען. עס איז געשאַפען געווארען א קאָמיטעט פון די היגע אָנגעזעהנסטע יודען מיט די ראשי הקהלה: דניאל בעהם, מיכאל הערץ און יצחק קרוק אין דער שפּיץ. אין קאָמיטעט האט זיך אויך בעטייליגט א גרעסערע צאָהל פרויען פון דער אינטעליגענץ אונטער דער אָנפיהרונג פון פרוי גרויסמאַן. דער קאָמיטעט האט געזאַמעלט א גרעסערען סכום געלד, געעפענט אויף דער וואַרשער גאַס, הויז קעלער, א ביליגע קוך וואו יעדער האט געקענט בעקומען פאַר עטליכע גראָשען א פריש מיטאג און אָרימע לייט אפילו בחנם. דער קאָמיטעט האט אויך געגעבען א וועכענטליכע אונטערשטיצונג די בכבוד'ע, וועלכע האבען זיך געשעהמט צו געהעז אין דער ביליגער קוך. אין דער מקוה איז אָבגעקאָכט געוואָרען א גרויסער קעסעל וואַסער, וואו יעדער וואס האט נאָר פערלאַנגט — האט בעקומען אומזיסט געקאָכט וואַסער.

עס איז אויך דורכ'ן קאָמיטעט געשאַפען געווארען אַן'איזאָלאַציאָנס־הויז (נאַדזשעטשנע גאַס, היינט האַנדווערקער־שולע) וואו די משפחה פון קראַנקען, וועלכער איז גענומען געווארען אין שפּיטאַל — האט זיך געדאַרפט געפינען ביז עס איז איבער זיי ווי אויך אין דער וואוינונג אדורכגעפיהרט געווארען א געהעריגע דעזינפעקציע. די אלע אויסגאַבען האט געטראָגען דער קאָמיטעט.

אחוץ דער קהלה און אינטעליגענץ־קאָמיטעט, זענען אויך געווען טעטיג צוויי בעלי מלאכה'שע חברות, די ערשטע אונטער דער אָנפיהרונג פון יצחק ראָטהאָלץ (פאָרפור) און מאיר זאַלדבערג. די צווייטע א (קאָנקורענץ הברה) מיט מאיר ביטשנער (בוים) אין דער שפּיץ. די אויפגאַבע פון די חברות איז געווען צו געבען דעם קראַנקען די ערשטע דרינגענדע הילף ווי אויך מעדיצינען. די חברות האבען געהאט ספּעציעלע לאָקאַלען, וואו עס האבען דיזשורירט משמורים, וועלכע זענען גרייט געווען אויף יעדען רוף, צו העלפען די ליידענדע.

אין די זעלבע לאָקאַלען האט אויך יעדער, וואס האט זיך געפיהלט שוואַך, געקענט בעקומען בחנם דעם ביטערען טראָפּען, וועלכעס די חברות פלעגען בעקומען צו דעם צוועק פון אלגעמיינעם שטאַדטישען קאָמיטעט, די חברות האבען אויך געשיקט צו די קראַנקע משמורים, וועלכע האבען געוואַכט ביינאַכט, נישט מורא־האבענדיג, דאס זיי וועלען זיך אָנשטעקען.

ליידער אָבער, ווי עס פיהרט זיך, האט צווישען די צוויי חברות און קהלה־קאָמיטעט נישט געהערשט קיין אחדות. יעדע געזעלשאַפט האט געארבייט אויף אייגענע האַנד, אזוי, אז טיילמאָל האט פּאַסירט א מחלוקה ביי א קראַנקען צווישען די „פערזאָרגער" און אָנשטאָט צו העלפען דעם חולה — האט ער גאָר געליטען.

דאס זעלבע יאהר האט הרב אָש ז"ל איבערגענומען דעם היגען כסא הרבנות. די ערשטע אויפגאַבע פון רב איז געווען צו מאַכען שלום צווישען די צוויי חברות און פון די צוויי שטיינער איז געוואָרען איין שטיין אונטער'ן נאָמען „עזרת חולים", וואו ביידע „פיהרער" פּאָרטער און ביטשנער זענען געווארען גבאים. דאָן האט דער רב פעראייניגט דעם „קאַפּיטאַל" (אינטעליגענץ קאָמיטעט) מיט דער „ארבייט" (בעלי מלאכה'שע חברות), אזוי אז די גאַנצע רעטונגס־ארבייט איז געגאַנגען אונטער איין פאָהן און אָנגעפיהרט מיט איהר האט דער לאַנגיעהריגער דאָזאָר און כלל טהוער לעאָפּאָלד קאָהן.

צוליב דעם, וואס די צאָהל געשטאָרבענע אין שפּיטאָל איז געווען גרויס, זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען צווישען דער היגער בעפעלקערונג, אז בכדי די עפּידעמיע זאָל זיך נישט צושפּרייטען, ווערען די קראַנקע דורך די דאָקטוירים גע'סמ'ט. דאס האט גורם געווען, אז אלע האבען, ווי ווייט מעגליך, אויסגעמיטען דאס שפּיטאל און זיך בעגניגענט מיט דער הילף פון „עזרת חולים".

עס האבען אָנגערוקט די ימים־הנוראים. דער רב האט אַרויסגעגעבען א קול־קורא צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג, נישט צו געהן ראש השנה צום דאַווענען אין ניבטערען, אויך די גבאים פון די שוהלען און בתי תפלות זענען אויפגעפאָדערט געוואָרען נישט אריינצולאָזען צום דאַווינען מעהר ווי דרייסיג פּערזאָן, ווי אויך אָבצוהיטען, דאס צווישען שחרית און מוסף זאָלען די לאָקאַלען געלופטערט ווערען. די תפלות האבען נישט געטאָרט דויערען לענגער ווי ביז 11 א זייגער פריה. עס איז אויך דורך דער מאַכט ערלויבט געוואָרען צו דאַווענען אין פּריוואַט־וואוינונגען.

ראש השנה —

די שוהל איז פול בעזעצט. טראָץ דער אזהרה מצד די גבאים נישט אַריינצולאָזען א צו־גרויסען עולם, האט יעדער יוד, אפילו די וואס האבען שוין לאַנגע יאהרען נישט בעזוכט קיין בית תפלה, געפינען פאַר א חוב אין אַזאַ שווערער צייט, מתפלל צו זיין פאַר'ן רבש"ע, דאס ער זאָל איהם מיט דער פאַמיליע אָבהיטען פון שרעקליכען געפאהר! וואס לויערט אין גאַס. דאס געוויין פון די פרויען איז געוועזן זעהר גרויס. פּלוצלינג איז געוואָרען אין דער שוהל א רעש, עס זענען אריינגעקומען עטליכע מענער און פרויען מיט א געוואַלד, דאס די פרוי פון גבאי. שמש א. פּ. איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען און נויטיגט זיך אין רעטונג. די גבאים פון דער עזרת חולים זענען גלייך ארויס צו געבען די נויטיגע הילף.

אינצווישען האט ווער דערפון צו וויסען געגעבען דעם שפּיטאָל און גלייך זענען אָנגעקומען די מתעסקים פון שפּיטאַל מיט א טראָג־בעט דעם חולה איבערצופיהרען.

די משפחה פון פרוי פּ., וועלכע האבען געגלויבט אין די קלאַנגען, אז די קראַנקע ווערען אין שפּיטאָל געסמ'ט, האבען אויף קיין פאָל נישט געלאָזט דעם חולה אַרויסנעמען, צובראכען דאָס טראָג־בעט און מיט שטעקענעס פעריאָגט די שפּיטאָל־שומרים.

וויסענדיג, אַז דערמיט איז דער ענין נאָך נישט ערלעדיגט, האבען זיך פאַר דער וואוינונג פון חולה פערזאַמעלט הונדערטער יודען, קרובים און גוטע פריינד, וועלכע זענען גרייט געווען אָנצוווענדען אלע מיטלען, בכדי נישט צו לאָזען די קראַנקע איבערטראָגען אין שפּיטאָל.

בעת מען האט געהאַלטען פאַר תקיעת שופר איז א פּאָליציאַנט צוגעקומען צום רב אין דער שוהל און געזאָגט, אז דער נאַטשעלניק פּאָוויאַטאָווי מיט'ן פּאָליצמייסטער וואַרטען אין פּאָליש און ווינשען זיך צו רעדען מיט איהם. ווען דער רב איז צו זיי אָרויסגעקומען האט דער נאַטשאלניק איהם ערקלערט, דאס צוליב די פאַלשע קלאַנגען, אַז די קראַנקע ווערען געסמ'ט, מיידען יודען אויס צו קומען אין שפּיטאָל. דאס פעראורזאַכט, אַז די קרענק ווערט גאָך מעהר פערשפּרייט, יעצט האט פּאַסירט א פּאַל מיט די פרוי פּ. עס האט זיך פערזאַמעלט א גרויסע צאהל יודען, וועלכע לאָזען נישט זי איבערטראָגען אין שפּיטאָל. טראָצדעם וואס ער קען אָננעמען שטרענגע מיטלען, דאָך אבער וויל ער נישט שטערען די יודען אין זייער יום טוב און מצער זיין די פאַמיליע, ער בעט דעריבער דעם רב, דאס ער זאָל די פערזאַמעלטע אויפקלערען זייער טעות און ווירקען, אַז די קראַנקע זאָל גוטוויליג איבערגעבען ווערען די שפּיטאָל־בעדינטע.

דער רב אין בעגלייטונג פון די שוהל־גבאים מרדכי מאַרקאָוויטש און מאיר ליב העלמאַן, זענען אַרויס צו די פערזאַמעלטע, אויפגעקלערט זיי וועגען די פאַלשע קלאַנגען, בערוהיגט די געמיטער און די קראַנקע איז געוואָרען איבערגעפיהרט אין דער בעגלייטונג פון הונדערטער מענשען אין שפּיטאָל.

בעת דער עולם איז געגאַנגען צו תשליך איז בעוואוסט געוואָרען, אַז פרוי פּ. איז געשטאָרבען. די אויפרעגונג איז געווען זעהר גרויס, יעצט האָבען אלע געגלויבט, אַז דאס, וואס ווערט געזאָגט וועגען שפּיטאָל, איז אמת וצדק.

דעם צווייטען טאג ראש השנה, בעת די תפלות, זענען אין דער שוהל געקומען דער פּרעזידענט וואַראַוואָסקי, שטאָדט־דאָקטאָר פּיסאַרזשעווסקי און דאָקטאָר שפּיגעל און געבעטען דעם רב צו ערלויבען דעם ד"ר שפּיגעל צו רעדען פאַר די מתפּללים עטליכע ווערטער. נאָכדעם ווי די ערלויבניש איז געגעבען געוואָרען, איז ד"ר שפּיגעל אַרויף צום ארון קודש און אונטער א שבועה אָבגעלייקענט די אלע קלאַנגען וועגען פערסמ'ען די קראַנקע אין שפּיטאָל, זיך פערטיידיגט דאס אין דעם פאָל פון פרוי פּ. איז שולדיג די משפחה, וועלכע האט נישט געלאָזט צו דער צייט געבען די געהעריגע הילף. ד"ר שפּיגעל האט געבעטען אין נאָמען פון פּרעזידענט, צו וויסען צו געבען וועגען יעדען קראַנקען־פאָל און פערזיכערט, דאס יעדער חולה וועט ווערען גוט בעהאַנדעלט און עס וועלען אָנגענומען ווערען אלע רעטונגסמיטלען, וואס נאָר מעגליך.

די ערקלערונג פון ד"ר שפּיגעל האט געמאַכט אויף די אַנוועזענדע דעם געהעריגען רושם. פון דאָן אָן זענען אלע קראַנקע איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל און די קלאַנגען וועגען סמ'ען האבען אויפגעהערט.

די עפּידעמיע האט אָנגעהאַלטען ביז איבער סכות, ווען די קאַלטע וועטערן האבען אָנגערוקט; זי האט געקאָסט אונזער שטאָדט נישט ווייניג קרבנות.

ד"ר מעד. נ. בערנשטיין (טשענסטאכאוו)

וואָס דאַרף יעדע פרוי וויסען וועגן שוואַנגערשאַפט?

.1

פעלקער, וועלכע שטעהען קולטורעל און עקאָנאָמיש אויף א נידריגע מדרגה, קאָלעקטיווען, וועלכע פּראָדוצירען מאַסענווייז מענשען־פלייש און מאַסענווייז בעגראָבען זיי עס, שענקען נישט דער שוואַנגערער פרוי קיין ספּעציעלע אכטונג. ביי זיי מוז די שוואַנגערע פרוי אויספיהרען איהר אַלטעגליכע, אָפט שווערע ארבייט, זי מוז בעזאָרגען איהר מאַן און קינדער (ווען זי אזעלכע האט), נישט האָבענדיג קיין צייט און קיין מעגליכקייט צו ווענדען איהר אויפמערקזאַמקייט אויף מאַנכע ליידען, וועלכע קענען האבען שווערע פאָלגען פאַר איהר און איהר קינד'ס געזונד. ס'רוב פון אזעלכע פרויען ווערט פריהצייטיג אַלט, פערלירט שנעל די כחות, זעהט־אויס ווי שקעלעטען און געהט יונג צו גרונד. אויך זייערע קינדערלעך זעהען בלאַס אויס און זענען מייסטענטיילס ראַכיטיש קראַנק (ענגלישע קרענק). א סך פון זיי, נישט האָבענדיג קיין ענטשפּרעכענדע פלעגע, שטאַרבט אָב אין די ערשטע לעבענסחדשים אָדער לעבענס יאהרען פון פערשידענע קראַנקהייטען, הויפּטזעכליך פון טובערקולאָז, מיט וועלכער די קינדער ווערען אָנגעשטעקט פון דער קראַנקער סביבה.

מיט דעם שטייגען ביים מענשען פונ'ם קולטורעלען ניוואָ, שטייגט אויך ביי איהם דער פערלאַנג נאָך היגיענע, דאס שטרעבען צו ריינליכקייט און צום אויסמיידען פון קראַנקהייטען, וועלכע ווערען פעראורזאַכט דורך אונריינליכקייט און פערנאַכלעסיגקייט. עס ענטוויקעלט זיך ביים מענשען דאס בעוואוסטזיין פון גרינדען א היים, געבויט אויף געזונטע יסודות. די פאַמיליע בעגנוגט זיך מיט ווייניג קינדער, וועלכע עס ווערט געגעבען א גוטע היגיענישע פלעגע, כדי זיי געזונד און שטאַרק צו ערציהען. מען גיט זיך אָב א דין וחשבון, אַז נור געזונטע עלטערן קענען געבוירען און ערציהען געזונטע קינדער, דערביי שפּילט דער געזונדהייטס־צושטאַנד פון דער מוטער די הויפּט־ראָלע, ווייל זי גיט־איבער דעם קינד איהר בלוט. די פרוי, וואס וויל האבען געזונטע קינדער, מוז זיך דעריבערקימערן, אַז אין דער שוואַנגערשאַפט, ווען זי איז א סך מעהר אויסגעזעצט אויף פערשידענע קראַנקהייטען ווי נאָרמאַל, זאָל זי האבען א ספּעציעלע פלעגע, זיך נישט צופיעל אָנשטרענגען, כדי דעם קינד קיין שאָדען נישט צו ברענגען אין די ערשטע מאָנאַטען פון זיין ענטוויקלען זיך.

עס זענען פערהאַן קינדער, וועלכע קומען אויף דער וועלט מיט א קאָרגען רעזערוו פון לעבענס־קראַפט, ווייל זיי האבען געליטען אין דער מאַמעס בויך אין דער צייט פון דער שוואַנגערשאַפט, אָדער בעת דעם געבורט צו וועלכען די פרוי האט זיך נישט ריכטיג צוגעגרייט. א כלל זאָל מען וויסען, אז יעדע ליידען פון דער שוואַנגערער פרוי שלאָגט זיך נעגאַטיוו אָב אויפ'ן קינד אין א גרעסערער אָדער אין א קלענערער מאָס. כדי צו פערמיידען אין דער שוואַנגערשאַפט פערשידענע ליידען און קראַנקהייטען, וועלכע, פערנאַכלעסיגט, קענען פיהרען צו א שווערען געבורט אָדער האבען פערדרוסליכע פאָלגען פאַר'ן שפּעטערען געזונדהייט־צושטאַנד פון דער פרוי און פונ'ם קינד, איז וויכטיג, אַז די שוואַנגערע פרוי זאָל זיין בעת דער שוואַנגערשאַפט אונטער ערצטליכער אויפזיכט. איין מאָל אין חודש זאָל די פרוי זיך לאָזען אונטערזוכען ביים אַרצט, כדי פעסטצושטעלען צי די שוואַנגערשאַפט ענטוויקעלט זיך נאָרמאַל, צי די נירען, דאס האַרץ און די לונגען פון דער פרוי פונקציאָנירען נאָרמאַל, צי זיי זענען נישט אָנגעשטרענגט צו שטאַרק דורך דער שוואַנגערשאַפט. יעדען חודש דאַרף אונטערזוכט ווערען די אורין און דער בלוט דרוק מוז געמאָסטען ווערען כדי צו ענטדעקען און צו פערמיידען ביי דער שוואַנגערער פרוי א נירען קראַנקהייט, וואס קען פיהרען צו א קאָנוואולסיע־אַנפאָל (עקלאַמפּסיע), וועלכע איז לעבענס געפעהרליך סיי פאַר דער פרוי סיי פאַר'ן קינד.

דאָס אָבהיטען די בעפעלקערונג פון קראַנקהייטען דורך אויפקלערען און בעלעהרען זי, ווי אַזוי פאָרצוגעהן, כדי אזעלכע קראַנקהייטען צו פערמיידען, איז איינס פון די הויפּט־ציעלען פון דער היינטיגער סאָציאַלער מעדיצין. עס איז וויכטיג די פרוי אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף מאַנכע סכנות און קראַנקהייטען, וועלכע דראָהען איהר בעת דער שוואַנגערשאַפט, זי צו בעלעהרען ווי אַזוי פאָרצוגעהן, כדי די קראַנקהייטען צו פערמיידען און א לייכטען געבורט צו האָבען.

דעם דאָזיגען ציעל זאָלען די ווייטערע ארטיקלען דינען.

זאָל מען אזוי מיאוס בעהאנדלען.

הפנים, אז פאַר דעם סאָרט יודען איז נאָך ווייניג דאס, וואס עס קומט אויף זיי. זיי מוזען דוקא האבען א היטלער־רעזשים, כדי זיי זאָלען זיך דערנעהנטערען צו יודען און אפשר איז עס פאַר דעם סאָרט יודען אויך נאָך נישט גענוגענד.

אין א יודישער צייטונג פאַסט זיי נישט, אָט די דאָזיגע פערקנעכטע נשמות...

דאס אמת'ע שטיקעל...

מיר האבען פאַר עטליכע וואָכען צוריק געשריבען, וועגען א קליינשטעדטעלדיגען חברה מאַן, וועלבער האט נישט געוואָלט בעצאָהלען פאַר'ן „טאָז" קאַלענדאַר און אָט דער זעלבער פּשעראָווער גביר איז נאָך דערצו דער וויצע־פאָרזיצער פון דער אָרטיגער גמילת־חסדים־קאַסע.

איצט דערצעהלט מען מיר וועגען א שטיקעל, וואס די פּשעראָווער יודען האבען איהם אָבגעטהון. זאָל עס איהם געהערען צום אַלטען יאהר.

מאַניע זיסקינד איז דער נאָמען פון אָט דעם פּשעראָווער פּערשוין. פערמאַגט ער אַן'אַלטען טאַטען אין לעלעוו, וועלכען ער שיקט וואָך ביי וואָך גאַנצע 2 גילדען מיט 50 גראָשען אויף פּרנסה. דערפאַר האט זיך דער פאַטער געמוזט פערפליכטען קיינמאָל דעם זוהן נישט צו בעזוכען, כדי נישט קאַליע צו מאַכען דעם עפעקט פון זיין נגיד'יש הויז.

פאַר עטליכע וואָכען צוריק האט דער קליינשטעדטעלדיגער גביר תנאים געשריבען מיט זיינס א זוהן. ס'פערשטעהט זיך, אז מען האט דעם אַלטען טאַטען וועגען דעם נישט צו וויסען געטהון. מאַכט זיך א מעשה, אז דער נגיד לאָדעט איין זיין זוהנ'ס כלה אויף א שבת, נאָר פרייטאג אין דערפריה עפענט זיך אויף די טהיר און דער אַלטער פאַטער פון לעלוב קומט אַריין. ויהי, ווי דער זוהן און איבערהויפּט די שניר, האט דערזעהן דעם שווער, האט זי פאַר גרויס עגמת־נפש בעקומען א האַרץ־אַטאַק, אז מען האט געדאַרפט צו איהר ארויסרופען א דאָקטאָר אויך דער געטרייער זוהן, איז געוואָרען מלא חימה, היתכן. איז ער אָנגעפאַלען אויף זיין פאַטער, צו וואס ביזטו געקומען? ווער האט נאָך דיר געשיקט? דער פאַטער האט אָבער ארויסגענומען א פּאָסט־קאַרטעל און איהם געוויזען שוואַרץ אויף ווייס, אז דער זוהן האט איהם איינגעלאַדענט אויף שבת, כדי זיך משמח צו זיין מיט'ן ליעבען גאַסט, מיט דער כלה פון פילץ.

ערשט דאַמאָלס האט דער געטרייער זוהן ר' מאַניע זיסקינד געזעהן, אז מען האט איהם אָבגעטהון א שטיקעל. די פּשעראָבער לצים האבען נישט געקאָנט צוקוקען דאס פיהרונג פון זייער כלל־טהוער בנוגע אַן'אייגענעם פאַטער און האבען איהם געשיקט אַן'איינלאַדונג אויפ'ן זוהנ'ס נאָמען.

מילא, דער שבת איז געווען א פערשטערטער, דער פאַטער וואס איז איבער די שמונים, האט געליטען חרפּות ובושות, נאָר אויך די כלה האט נישט געלעקט קיין האָניג, און אַזוי ווי עס איז נאָר געוואָרען מוצאישבת איז דער אַלטער פאַטער שוין פערשוואונדען. און באַלד צומאָרגענס איז אויך די כלה אַנטרינען געוואָרען צוריק נאָך פילץ.

פּשערובער לצים, האַלטען זיך אָבער די זייטען פאַר געלעכטער צוליב דעם שטיקעל וואס זיי האבען איהם אָבגעטהון, דעם ריכטיגען חברה־מאַן, וועלכער שעהמט זיך מיט אַן'אייגענעם טאַטען...

לויתן

פרעסע=קאנפערענץ אין דער קהלה

דער פרעזעס פון דער יודישער קהלה ה' ראזענבערג האט גערופען שבת 7 אווענד א פרעסע-קאנפערענץ, צו וועלכער עס זענען געקומען פארשטעהער פון דער היגער יודישער און יודיש פוילישער פרעסע.

צו דער אנגעזאמעלטער ציים, עפענט פרעזעס ראזענבערג די קאנפערענץ און ערקלערט, אז כעולם האט ער שוין געדארפט די דאזיגע פרעסע-קאנפערענץ רופען נאך מיט איניגע חדשים צוריק, ווייל ס'איז איינמאל פאר אלע מאל נויטיג, אז די היגע יודישע בעפעלקערונג, זאל וויסען דעם אמת, וואס עס טהוט זיך אין און ארום דער קהלה.

ווי נאר די יעצטיגע פערוואלטונג האט אין אקטאבער 1932 איבערגענומען די לייטונג פון דער קהלה, האט באלד די אפאזיציע אנגעהויבען א קאמף מיט איהר. דער קאמף איז נישט געווען קיין אפענער, נאר א שיסען פון הינטער'ן פלויט. מען איז געלאפען צום דריטען צד מיט פאפירלעך, מיט מעמאריאלען און אנדערע „גוטע" זאכען.

אפילו די לעצטע טעג, אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויסגעשיקטען בודזשעט צום בעשטעטיגען, זענען דורך יחידים כסדר געשיקט געווארען מעמאריאלען, וועלכע האבען געהאלטען 8 זייטען מאשין-דרוק, ווען עס זענען אין שווארצע פארבען איינגערכענט געווארען פערשידענע נישט-אבגעטהוענע חטאים און אויך עטהאלטען פערזענליכע פארוואורפען אויפ'ן אדרעס פון די היגע ראשי-הקהל.

איך האב שוין פיעל מאל געשריבען און גערעדט וועגען דעם, אין וואס פאר א לאגע די פריהיגע פערוואלטונג האט איבערגעלאזט די קהלה. יעדער ווייס, אז ס'זענען געבליבען אפענע חובות פון 120 טויזענד זל. דערונטער איז אויך די [illegible] שטייער פון בעאמטען פענסיעס און אנד. אזוי אז ס'קומט אויס, אז ס'זענען שוין אבגעצאהלט געווארען ביז יעצט צעהנדליגער טויזענדער זלאטעס פראצענטער און דער עצם-שטייער איז נאך אלץ געבליבען ווי געווען. די זעלבע איז אויך מיט דער מקוה, וואו מען צאהלט כסדר די פראצענטער. [illegible] הייאהר איז בעצאהלט געווארען די סומע פון 14 טויז. זל. פון [illegible] נטער מיט קאסטען.

די לאגע אין דער קהלה איז אין פערלויף פון די פאר יאהר געווען דאדורך א [illegible]. מען האט נישט געקענט פיהרען קיין שום נוצליכע טעטיגקייט [illegible] די היגע געזעלשאפטען, ווייל דאס גאנצע געלד איז פערברויכט געווארען פאר די חובות, וואס איך האב אויבען דערמאנט.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם שחיטה-געזעץ איז איך פערקלענערט געווארען די הכנסה פון דער גמינע, אזוי, אז

מיר האבען זיך געזעהען געצווינגען צו העכערן דעם עטאט, כדי צו דערהאלטען דעם גלייכגעוויכט פון בודזשעט. איך מוז גלייך בעטאנען, אז אפילו נאכ'ן העכערן איז דער יעצטיגער עטאט, ביי אונז אויך פערהעלטניסמעסיג נידריגער ווי אין די שכנות'דיגע שטעדט: סאסנאוויץ, קאטאוויץ, בענדין, קעלץ א. אנד.

די העצער האבען ספעציעל אויפגעהויבען א געוואלד געגען דער העכערונג פון עטאט, כדי צו שעדיגען דעם פרעסטיזש פון דער היגער קהלה. אין דער דאזיגער העצע האבען זיי זיך נישט אבגעשטעלט פאר קיין שום זאך, אלע וועגען אלע מיטלען זענען פאר זיי געווען כשר.

דערביי איז כדאי אונטערצושטרייכען, אז דער הייריגער בודזשעט איז איינשטימיג אנגענומען געווארען דורכ'ן גאנצען ראט און פערוואלטונג, און ס'איז אויך בעשטעטיגט געווארען די עטאט-ליסטע און נישט קוקענדיג דערויף זעגען ווייטער געפאהרען דעלעגאציעס קיין קיעלץ, וועלכע ווילען דוקא נישט לאזען פיהרען קיין נארמאלע טעטיגקייט.

מיט דער דאזיגער שעדליכער העצע וועלען זיי סוף-כל-סוף דערפיהרען דערצו, אז די קהלה זאל אויפגעלעזט ווערען און ס'זאל ארייגעזעצט ווערען א קאמיסאר. איצט פרעג איך זיך, צי וועט דער קהלה-קאמיסאר, אדער וועמ ס'זאל נישט זיין קיין אנדערער קענען פיהרען די קהלה ווירטשאפט אהן געלד? פון זיין טאש וועט דאך קיינער קיין געלד נישט געבען, וועט מען דאך ווידער אמאל מוזען אנקומען צום עטאט, אלס דעם איינציגען הכנסה-קוואל. וואס ווילען דאן זאגען די העצער?

וואלט מען אבער געהאט דעם בודזשעט א בעשטעטיגטען, וואלט מען געקענט אין דער קהלה פיהרען א נארמאלע טעטיגקייט, וועלכע זאל נישט זיין בלויז בעגרעניצט צו די רעליגיעזע הצטרכות'ן, נאר אויך געקענט פיהרען א געזעלשאפטליכע ארבייט אויף פערשידענע געביטען, געבען סובסידיעס פערשידענע היגע נוצליכע אינסטיטוציעס, ארויסהעלפען ארימע קראנקע יודען, געבען דרינגענדע הילף און בכלל אלץ, וואס איז נויטיג און פאסט פאר דער טשענסטאכאווער קהלה.

דאס אויבענדערמאנטע וועט נישט זיין בלויז א פרומער וואונש, נאר א רעאלער פאקט, ווען די פערשידענע יחידים, גיפט מישער און העצער וועלען אויפהערען פיהרען זייער שעדליכע טעטיגקייט און נישט בלויז אין זין האבען זייערע פערזענליכע אייגענ-נוצען און קעשענע-אינטערעסען.

מיט דעם איז די קאנפערענץ פערענדיגט געווארען.

מ. ק—ן.

WORLD-RADIO
świat w domu...
Demonstrujemy najnowsze modele odbiorników radiowych.
Specjalne urządzenie porównawcze ułatwia klijentowi decyzję i wybór odpowiedniego typu aparatu.
Posiadamy na składzie patefony-automaty do nagrywania 10 płyt bez obsługi człowieka.
Jest to najnowszy twór techniki angielskiej.
Wygodny system ratalny.
Reprezentujemy następujące firmy:
Hornyphon
Capello
Kosmos S. A.
Korona S. A.
Telefunken
The Garrard Co.
Union
WORLD-RADIO
Spółka Kom.
N. M. Panny 24, tel. 25-75.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.
„בית יעקב", קאטעדראלנא № 10
מאכט בעקאנט, דאס אויך הייאהר ווערען
פערדינגען פלעצער פאר פרויען אויף די ימים-נוראים
עס זענען אנגאזשירט געווארען בעריהמטע בעלי-תפלות.
די פערוואלטונג.

די מאניפעסטאציע פאר פעראייניגען צו פוילען טשעשינער שלעזיען

מיטוואך 7 אווענד איז אויפ'ן מאגיסטראט-פלאץ פארגעקומען א מיטינג איינגעארדענט דורך דער איניציאטיווע פון „פוילישען מערב-פערבאנד" אונטער דער לאזונג פון צוריק אבגעבען טשעשינער שלעזיען.

צו דער מאניפעסטאציע האבען זיך פערזאמעלט איניגע טויזענד פערזאן. ס'איז אויך געקומען אנ'אבטיילונג פון גרובען-ארבייטער מיט זייער ארקעסטער. מען האט געזעהען פיעל טראנספארענטען מיט פערשידענע אויפשריפטען, וועלכע האבען געפאדערט דאס צוריקגעבען די טשעשינער ערד פון יענער זייט אלזא, וואס איז א ריין-פוילישע ערד.

צו די פערזאמעלטע האבען גערעדט פראפ. מיקאלייטיס, א מיטגליד פון „הויפט-פערבאנד צו שטיצען אויסלענדישע פאלאקען", ה' אטא אוהליק פון קיעלץ, ווי אויך אין נאמען פון דער ארבייטס-וועלט — פרעזעס פון די רעווערוו-אונטעראפיצירען ה' סטעפאן קוויאטקאווסקי.

נאך די רעדעס איז אנגענומען געווארען ביי אנ'אונגעהויערען ענטוזיאזם א רעזאלוציע, וואס פאדערט אויף די רעגירונג צו שטעהען אויף דער וואך און זעהען צו פערריכטען דעם פעהלער, וואס איז געגען דעם פוילישען פאלק בעגאנגען געווארען אין יאהר 1920 און צוריק פעראייניגען טשעשינער שלעזיען, ווי אויך צו שיקען אנערקענונג די ברידער פאלאקען פון יענער זייט אלזא פאר זייער גערעכטען קאמף.

די מאניפעסטאציע האט זיך געענדיגט ביי די קלאנגען פון נאציאנאלען הימן.

ביי יעדער געלעגענהייט – כוליגאנישע אנפאלען אויף יודען

די ענדעקעס, זעהט אויס, לאזען נישט אדורך קיין שום געלעגענהייט, אז זיי זאלען נישט אנגרייפען די יודען. אפילו ביי אזא פייערליכען מאמענט, ווי ס'איז געווען אויפ'ן מיטינג ביים מאגיסטראט-פלאץ וועגען צוריק פעראייניגען טשעשינער שלעזיען — האבען זיי דאס אויך אויסגענוצט צו זייערע פינסטערע העצערישע דעמאגאגיע געגען יודען און האבען געווארפען לאזונגען: „נידער מיט די יודען", „שלאגט די יודען" א. אז. וו.

אבער זיי האבען זיך נישט בלויז בעגנוגט מיט ווארפען לאזונגען. אויפ'ן צוריקוועגס אהיים האבען זיי אויסגעהאקט שויבען אין יודישע געוועלבער און וואוינונגען פון דער צעהנטער אלעע, נייעם מארק, ווארשאווער גאס, קרוטקע, מיראווסקע, נאדזשעטשנע און אנדערע גאסען. זיי האבען אויך געשלאגען און פערוואונדעט פיעל יודען, וועמען זיי האבען אנגעטראפען אין גאס.

די דאזיגע כוליגאנישע אנפאלען האבען אויף דער יודישער בעפעלקערונג געמאכט א דערדריקענדען איינדרוק.

Przedstawicielstwo, ewentualnie wyłączną sprzedaż
na Warszawę, Łódź, Mołopolskę i Górny Śląsk
obejmie doświadczony handlowiec.
Branża galanteryjna i wyroby stalowe.
Gwarancja zapewniona.
Oferty sub „Przedstawiciel" do Administracji.

פארבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאבריק און קאנטאר: ב. יאסעלעוויטשא 11
פיליע 2-טע אלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)
מענער = קראגענס ווערען ווייטער געוואשען
מיט דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ צום פרייז 10 גר.
ספעציאליטעט:
1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט), 4) כעמישריינגען און פאסאנירען קאפעלושן,
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין ווארשא מיט לאנגיעהריגער פראקטיק

Nowo-otworzona fabryka wyrobów aluminiowych
p. f. „Częstochowska Fabryka Wyrobów Aluminiowych „ALMET" sp. z o. o.
Przechodnia № 12, telefony: 16.69 i 13-94
poleca: nakrycia stołowe, łyżki, łyżeczki, widelce, noże oraz inne artykuły aluminiowe w wielu gatunkach.
Towar pierwszorzędnej jakości. Ceny najniższe
Do P. T. fabrykantów!
Na żądanie wykonuje wszelkie odlewy aluminiowe.
Obsługa pierwszorzędna.

פון דער יודענשטאטס-פארטיי

שבת, דעם 24-טען ד. ח. פונקטליך 5 נאכמ. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל פילסודסקי 23 דער צווייטער טייל פון רעפעראט פון ח' נ. ליבערמאן א. ד. ט.: „ארץ ישראל אין איהר טאג טעגליכען לעבען".

חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

פוטבאל-מעטש „מכבי"—„אדמירא"

מארגען, שבת 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אויפ'ן „מכבי"-פלאץ א פוטבאל-מעטש וועגען דער מייסטערשאפט פון „בע" קלאס צווישען די איינציגע יודישע פוטבאל-מאנשאפטען, וועלכע זענען נאך פערבליבען אויף דער יודישער גאס מכבי און אדמירא.

שענקע נדבות פון די קינא אייגענטימער: „עדען" און „סטילאווי"

די אייגענטימער פון קינא „עדען" געברידער קושעמינסקי האבען ארייגעטראגען אין אונזער רעדאקציע 150 זלאטעס צו פערטיילען פאר די היגע יודישע וואהלטעטיגע אינסטיטוציעס לויט'ן איינזעהן פון רעדאקטאר ה' ב. גאטשאן.

די דאזיגע סומע איז פערטייל'ט געווארען לויט פאלגענד:

פאר'ן יודישען שפיטאל 20 זל., „מושב-זקנים" 15 זל., „טאז" 15 זל., „מחזיקי הדת" 15 זל., „תומכי עניים" 15 זל., „בית-לחם" 15 זל., „עזרה" 15 זל., „לינת-הצדק" 10 זל., קינדער-היים אויפ'ן נאמען פון י. ל. פרץ 10 זל., „גמילת חסד" פילסודסקי 31, 10 זל., „הכנסת אורחים" 10 זל.

דער אייגענטימער פון קינא „סטילאווי" ה' וו. גאגוט האט ארייגעטראגען אין אונזער רעדאקציע 100 זלאטעס צו פערטיילען פאר די היגע יודישע וואהלטעטיגע אינסטיטוציעס לויט'ן איינזעהן פון רעדאקטאר ה' ב. גאטשאן.

די דאזיגע סומע איז פערטיילט געווארען לויט פאלגענד:

פאר'ן יודישען שפיטאל 15 זל., „מושב זקנים" 10 זל., „טאז" 15 זל., „מחזיקי-הדת" 10 זל., „תומכי עניים" 10 זל., „בית-לחם" 10 זל., „עזרה" 10 זל., „לינת-הצדק" 10 זל., „גמילת חסד" פילסודסקי 31, 10 זל.

Pierwszorzędny Paryski
Zakład Krawiecki
„TRÉS-CHIC"
M. ROZENBLUM
N. Marii Panny 33. Tel. 11-87
poleca na sezon bieżący swą pierwszorzędną robotę oraz materiały najnowszych deseni, krajowe i zagraniczne.

מעגען דעקארירען די הייזער און געוועלבער לכבוד דער „וואך פון ל. א. פ. פ."

אין צוזאמענהאנג מיט דער 15-טער „וואך פון ל.א.פ.פ." ווערען אלע הויז-בעזיצער און סוחרים געבעטען געהעריג צו דעקארירען זונטאג, דעם 25 ד.ח. זייערע הייזער און געוועלבער.

ענטשפרעכענדע דעקאראציע - פעהנדלעך צו 5 גראשען א שטיק זענען צו בעקומען אין ביורא פון ל. א. פ. פ., אלעע קאשטשושקי 14.

זונטאג, בעת עס וועט פארקומען דער צוג פון ל. א. פ. פ. וועלען איבער טשענסטאכאוו פליהען מעהרערע עראפלאנען, וואס וועלען אראבווארפען אויף דער שטאדט פראפאגאנדע-פלוגבלעטלעך.

שטיצט די אקציע פון זקנים-און יתומים-הויז

איינע פון די נוצליכסטע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאדט איז בלי-ספק דאס זקנים און יתומים-הויז א. נ. פון „מינא ווערדע", וואו ס'ווערען ערצויגען יודישע יתומים, וואו אלטע לייט, וועלכע זענען פערלאזען פון אלעמען, האבען דארט זייער היים און ווערען בעזארגט מיט אלעם, וואס איז זיי נויטיג.

די דאזיגע אינסטיטוציע האט שוין זייט דריי יאהר נישט איינגעארדענט קיין שום עפענטליכע גאסען-זאמלונג. פון נעכטען דאנערשטאג הויבט די פערוואלטונג אן אדורכצופיהרען א געלד-זאמלונג איבער יודישע פאבריקען, ביוראען, געשעפטען און גאסען און ס'איז דעריבער א הייליגער חוב פון דער גאנצער יודישער געזעלשאפט צו שפענדען ווויפיעל ס'איז נאר מעגליך און מיט אפענע אראמס ענטקעגענצוקומען די זאמלער, כדי די ארימע אלטע לייט און יתומים זאלען האבען אין א געניגענדער מאס זיך צו דערנעהרען אין יום-טוב.

דער פראצעס פון מאריא יונג

דער פראצעס פון מאריא יונג, וועלכע האט ערמארדעט איהר מאן, דעם אייגענטימער פון „קאפע ראמא", מיעטשיסלאוו יונג וועט פארקומען שוין אין קורצען. דער בעשולדיגונגס אקט איז שוין אריינגעפלאסען אין קרייז-געריכט.

מאריא יונג ווערט בעשולדיגט לויט'ן ארט. 222 פונקט 1 וועגען מארד מיט פרעמעדיטאציע.

מארש-פערמעסטונגען אין גאז-מאסקעס

אין צוזאמענהאנג מיט דער 15-טער „וואך פון ל.א.פ.פ." וועלען קומענדען זונטאג פארקומען אין טשענסטאכאוו מארש-פערמעסטונגען אין גאז מאסקעס, וואס ווערען ארגאניזירט דורך דעם היגען קרייז פון ל.א.פ.פ.

די פערמעסטונגען וועלען פארקומען 2 א זייגער נאכמיטאג. עס וועלען זיך אין זיי בעטייליגען: מיליטער, מיליטערישע צוגרייטונג-דרוזשינעס און פרויען.

צו די פערמעסטונגען האבען זיך געמאלדען 27 מענער - דרוזשינעס, 7 פרויען דרוזשינעס און 40 אינדיווידועלע אמאטארען פון ביידע געשלעכטער. עס זענען פארגעזעהען 21 פריזען, דיפלאמען און זשעטאנען.

די פריזען זענען ארויסגעשטעלט עפענטליך אין א שוי פענסטער פון איינעם פון די געוועלבער אין דער צווייטער אלעע.

פון ברית-החייל

שבת, דעם 24 ד. ח. וועט בעזוכען אונזער קרת דער חשוב'ער גאסט קצין זיעגעל, וועלכער קומט ספעציעל נאך טשענסטאכאוו אין זעהר אקטועלע אנגעלעגענהייטען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויבענדערמאנטען קומט פאר שבת, פונקטליך 17.30 נאכמיטאג אין לאקאל פון בית"ר אלעע 40, א פערזאמלונג פון אלע מיטגלידער פון היגען קרת—וואו עס וועלען ווערען ערלעדיגט פערשידענע נויטיגע ענינים.

אלע חברים ווערען אויפגעפאדערט צו קומען פונקטליך.

פון י. ס. ס. פ. „מכבי"

ביים „מכבי" ווערט ארגאניזירט א דאמען-און מענער-סעקציע צו ספארט-איבונגען אונטער דער לייטונג פון די ספארט-פראפעסארען פון יודישען גימנאזיום מגר. פעפערבערג און אינסטר. צניוטא היטנער. די איבונגען וועלען פארקומען אין פרעכטיגען זאל פון יודישען גימנאזיום. איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין סעקרעטאריאט פון „מכבי" יעדען אווענד.

הכנסה פון אבצייכנונגס-פערקויף לטובת „בית-לחם"

דער אבצייכנונגס-פערקויף לטובת „בית-לחם", וואס איז פארגעקומען דאנערשטאג, דעם 15 ד.ח. האט אריינגעבראכט הכנסה 177,44 זל.



אונזער פריינדליכען לאנגיעהריגען בוכפיהרער ה' **דוד בער כלאַפּאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט.

די פערוואַלטונג פון דער גמילת־חסדים־קאַסע „עזרה"
אין וויעלון.

מזל טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער געשעפטס־פריינד **אייזיק כלאַפּאַק** און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן **דוד בער** מיט פרל. **בלימה מאַרקוס**. דעם יונגען פּאָר א גליקליכע צוקונפט ווינשען

צבי וואַלמאַן און פרוי, פייוויש סקושיניא און פרוי, וויעלון.

צו דער חתונה פון ה' **דוד בער כלאַפּאַק** מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** ווינשען מיר זיי פיעל גליק.

אשר מענדלעוויטש און פרוי, וויעלון.

אונזער ברודער און שוואָגער און שוועגערין ה' **אייזיק כלאַפּאַק** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער זוהן **דוד בער** מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** ווינשען מיר דעם יונגען פּאָר פיעל גליק, די עלטערן פיעל נחת.

לייזער כלאַפּאַק און פרוי.

אונזער פריינד **דוד בער כלאַפּאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** אונזערע האַרציגסטע ברכות

געבר. קאָנאַרסקי, געבר. דאַווידאָוויטש, לייב זיידעמאַן.

גם אני בין המברכים

משה הערשבערג

דעם ה' **דוד בער כלאַפּאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** ווינשען מיר פיעל גליק

יעקב שאיא, שמואל שאיא, וויעלון.

גליק און צופרידענהייט אונזער פריינד **דוד בער כלאַפּאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** ווינשען

יעקב סולמיערסקי, יצחק רינק וויעלון.

אונזער פריינד, **דוד בער כלאַפּאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **בלימה מאַרקוס**, ווינשען מיר פיעל גליק און א הערליכע צוקונפט.

שאול אַבראַמאָוויטש, דוד פּיוולאָוויטש וויעלון.

אונזער שכן ה' **אייזיק כלאַפּאַק** און **פרוי** פיעל גליק צו דער חתונה פון זייער זוהן **דוד בער** ווינשען

יחיאל מאיר יאַקובאָוויטש און פרוי.

מזל טוב און פיעל גליק אונזער פריינד **דוד בער כלאַפּאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** ווינשען

יעקב טאָביאַש און **פרוי, משה טאָביאַש** וויעלון.

א הערצליכען מזל טוב ווינשען מיר דעם ה' **דוד בער כלאַפּאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **בלימה מאַרקוס** די עלטערן פיעל נחת

משה פּערעצאָוויטש, יצחק הערשבערג,
פנחס גערשענאָוויטש וויעלון.

לחברותנו **בלימה מרקוס**, ולחברנו **דוד בער כלופק**, חבר ועדת ברית הצה"ר בוילון, אחולית לבביות. תזכו לבנות את ביתכם בארצנו המשוחררת

ועדת ברית־הצה"ר, מפקדת וקן בית"ר, ק. ת. ח. בוילון.

אלע אונזערע לעזער, אַנאָנסען־געבער, מיטאַרבייטער און דעם כלל־ישראל

ווינשט א גוט יאהר
רעדאַקציע „וויעלונער צייטונג".

אונזערע קרובים, פריינד, קונדען און בעקאַנטע ווינשען מיר צום נייעם יאָהר

א כתיבה וחתימה טובה

משה פּערעצאָוויטש, פרוי און זוהן
יובילער און זייגערמאכער געשעפט אין וויעלון.

אַלע מיינע שילעריגס און שילער, פריינד און בעקאַנטע ווינש איך

א כתיבה וחתימה טובה.

גלייכצייטיג מאַך איך בעקאַנט דאס איך נעם ווייטער אָן שילער אויסצולערנען די נייעסטע שלאַגערס.

איינשרייבען קען מען זיך טעגליך פון 7 ביז 9. אָנפאַנג פון קורס דעם 5.10

חיים אונגער, וויעלון, נאַרוטאָוויטשא 14 (טאַנץ־מייסטער).

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטער און שוועגערין פרל. **פּערל וויגאָדזקאַ** מיט ה' **בערל ראָטבאַרד**, טשענסטאָכאָו, ווינשען מיר פיעל גליק. די עלטערן פיעל נחת.

וואָלף וויגאָדזקי, פרוי און זוהנעלע.

אונזער שוועסטער און שוועגערין פרל. **פּערל וויגאָדזקאַ** צו דער פערלאָבונג מיט ה' **בערל ראָטבאַרד**, טשענסטאָכאָוו ווינשען מיר א הארציגען מזל־טוב.

אַליע וויגאָדזקי און פרוי, שמואל וויגאָדזקי, וויעלון.

א הארציגען מזל־טוב אונזער פריינדין **פּערל וויגאָדזקאַ** צו איהר פערלאָבונג מיט ה' **בערל ראָטבאַרד**, ווינשען

פּיניע און חנה סקושינגיא, גאדל בענהעט און פרוי, וויעלון

אויך מיר ווינשען פיעל גליק

בילה האָראָוויטש און **פאַמיליע.**

SZKOŁA KOEDUKACYJNA i PRZEDSZKOLE

im. Zofii Wajnsztokówny

w Częstochowie, Aleja 20. Telefon 10-78.

przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich siedmiu klas. Egzaminy systemem lekcyjnym.

Zakres nauk judaistycznych znacznie rozszerzony.

Przedszkole, wzorowo urządzone, przyjmuje zapisy dzieci od lat 3-ch. W razie pogód—zajęcia w ogrodzie.

UWAGA: DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na kursy — lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 9 wiecz.

מאכט בעקאַנט, אז דינסטאַג, ד. **27** סעפּטעמבער ווייט פאָרקומען א יום־טוב'דיגע פּראַקטישע לעקציע פאַר דער ודישער געזעלשאַפט. אָנפאַנג **7:30** אָוענד.

פערשידענע פאַבריקס - לאָקאַלען

Wesoła 5. — ערקונדיגען זיך

שוין צו פערדינגען.

כּוליגאַנעס געשטאָכען א יודישען יונגענמאַן אויף פּילסודסקי גאַס

דינסטאג אַרום 8 א זייגער אָוועגד, ווען דער 24 יעהריגער קאָפּעל אייזנער (וואַרשאווער 37) איז פערביי־געגאַנגען די פּילסודסקי גאַס עק פאַבריטשנא, איז ער פּלוצלינג באַפאַלען געוואָרען דורך מעהרערע כּוליגאַנעס. די אַוואַנ־טוריסטען האָבען איהם אַרומגערינגעלט און נאכדעם ווי איינער פון זיי האט אייזנער'ן מיט א זעץ אין פּנים גע־שלאָגען א ליפּ, האט א צווייטער איהם פון הינטען איינגעשטאָכען א מעסער אין פּלייצע. א בעגאַסענער מיט בלוט האט אייזנער נאָך בעוויזען זיך אַרויסצורייסען פון די הענד פון די כּוליגאַנעס און אַריינצולויפען אין שכנות'דיגען הויז, וואו ער האט זיך אויסבעהאַלטען ביי ה' גרין.

דער פערוואונדעטער איז דאַן אי־בערגעפיהרט געוואָרען אין שטאָדטישען שפּיטאַל, וואו מ'האט איהם ערטיילט די ערשטע הילף און דאַן איז ער אָבגעפיהרט געוואָרען אהיים אויף ווי־טערדיגע היילונג.

וועגען דעם אָנפאַל איז געמאָלדען געוואָרען דער פּאָליציי, וועלכע איז גלייך אָנגעקומען אויפ'ן אָרט און נאָך בעוויזען צו פערהאַלטען צוויי פון די אָנפאַלער.

גרויסער צוזאַמענפאָהר פון דער קאַטוילי־שער מענער־יוגענד אין טשענסטאָכאָו

שבת און זונטאג, דעם 24 און 25 ד.ח. וועט אין טשענסטאָכאָוו פאָרקומען א ריזיגער צוזאַמענפאָהר פון דער יוגענד, וואס איז אָרגאַניזירט אין קאָ־טוילישען פערבאַנד פון מענער־יוגענד.

עס ווערט ערוואַרט אַרום 100 טוי־זענד פערזאָן פון גאַנצען לאַנד. חוץ דעם זאָלען אויך קומען קלענערע אויספלוגען פון סלאָוואַקישער, איטאַ־ליענישער, פראַנצויזישער און בעלגישער יוגענד, ווי אויך אַן'עקסקורסיע פון פּוילישער יוגענד פון דאַנציג.

אין צוזאַמענפאָהר וועלען זיך בע־טייליגען פיעל העכערע קאַטוילישע גייסטליכע: ביידע פּוילישע קאַרדינאַ־לען, מעהרערע ביסקופען, דער פּויפּסט־ליכער נונציוס א. א.

די פייערליכקייט פון ענדערן דעם נאָמען פון אַגראַדאָווא אויף גאַס פון גענ. דרעשער

פערגאַנגענעם שבת אין די נאָכמי־טאָג־שעה'ן איז פאָרגעקומען דער פּיי־ערליכער אַקט פון ענדערן דעם נאָמען פון אַגראַדאָווא גאַס אויף גאַס פון גענעראַל אָרליטש־דרעשער. די איני־ציאַטיוו צום בעעהרען אין דער דאָזי־גער פאָרם דעם אָנדענק פון טראַגיש־אומגעקומענעם טשענסטאָכאָווער בן עיר, וועלכער איז געווען ביז צו דער לעצ־טער מינוט פון זיין לעבען פּרעזעס פון דער הויפּט פערוואַלטונג פון דער ים און קאָלאָניאַלער ליגע, איז געגעבען גע־וואָרען דורכ'ן טשענסטאָכאָווער קרייז פון דער ים ליגע, וועלכע האט אריינ־געטראָגען אַן'ענטשפּרעכענדען פאָרשלאָג אין דער שטאָדט־פערוואַלטונג.

די פייערונג איז פאָרגעקומען אין דער אַנוועזענהייט פון פאָרשטעהער פון דער מאַכט מיט'ן וויצע־סטאַראָסטא ליבוכאַ און שטאָדט־פּרעזידענט טשעד־ראַווסקי אין דער שפּיץ. עס זענען אויך געווען אַנוועזענד: די פערוואַלטונג פון דער ים־ליגע, די ים־ליגע־קרייזען פון דער עלעקטראָווניע, פון די פאַברי־קען „טשענסטאָכאָוויאַנקאַ", „אוניאָן טעקסטיל" א. א.

די פייערונג איז פאָנגעקומען ביים עק גענ. דרעשער גאַס און קאַטעדראַל־נאַ, וואו עס איז ספּעציעל אויפגעהאָנ־גען געוואָרען א גרויסער פּאָרטרעט פון גענ. דרעשער. די גאַס, וועלכע איז לעצטענס געוואָרען אויסברוקירט מיט באַזאַלט־קלעצלעך, איז געווען אָבגע־שלאָסען פאַר'ן פערקעהר מיט א באַנד. די דאָזיגע באַנד האט אדורכגעשניטען שטאָדט פּרעזידענט טשעדראַווסקי, אי־בערגעבענדיג די גאַס פאַר'ן פערקעהר. אין א קורצער רעדע האט פּרעזידענט טשעדראַווסקי גלייכצייטיג איבערגע־בען וועגען דעם בעשלוס צו ענדערן דעם נאָמען פון בצר גאַס אויפ'ן נאָמען פון גענ. גוסטאַוו אָרליטש־דרעשער.

נאכדעם, ווי עס איז אָבגעשפּיעלט געוואָרען דער נאַציאָנאַלער הימן, האט גענומען ס'וואָרט סענאַטאָר זביערסקי, וועלכער איז געווען גענ. דרעשער'ס פריינד און חבר פון די שול־יאָהרען. סענ. זביערסקי האט געשילדערט פיעל איינצעלהייטען פון לעבען פון גענ. דרעשער, אונטערשטרייכענדיג זיינע פערדינסטען פאַר'ן לאַנד און זיין צו־געבונדענהייט צו זיין געבורטס־שטאָדט טשענסטאָכאָוו, מיט וועלכער ער פלעגט זיך שטענדיג שטאַרק אינטערעסירען.

עס האט נאָך געהאַלטען א רעדע דער מיטגליד פון דער הויפּט־פערוואַל־טונג פון דער ים ליגע, דיר. פאַנקיע־וויטש, וועלכער האט איבערגעגעבען וועגען גענ. דרעשער'ס גרויסע פער־דינסטען פאַר דער ים ליגע, דאַן האט דער מיליטערישער אָרקעסטער געשפּילט דעם מאַרש פון דער ערשטער בריגאַדע און דערמיט האט זיך די פייערונג געענדיגט.

ווער וועט רעפּרעזענטירן טשענסטאָכאָוו אין נייעם סיים?

ווי בעוואוסט, וועהלט דער טשענ־סטאָכאָווער וואַהל־קרייז (די שטאָדט טשענסטאָכאָוו און דער פּאָוויאַט) אויפ'ן סמך פון דער פּערפליכטענדער וואַהל־אָרדינאַציע צוויי דעפּוטאַטען. אינ'ם לעצטען סיים איז דער טשענסטאָכאָווער קרייז געווען רעפּרעזענטירט דורך: דעפּ. קאָבילעצקי און אין משך פון עטליכע וואָכען דורך מיניסטער פּאָ־טשאָרקאָווסקי, וועלכער האט אין פּאַזשדזיערניק 1935 רעזיגנירט פון דעפּוטאַטען מאַנדאַט.

בנוגע דעפּ. קאָבילעצקי איז צווי־פעלהאַפט, צי ער וועט אַרויסשטעלען זיין קאַנדידאַטור, פערנעמענדיג איצט דעם פעראַנטוואָרטליכען אַמט פון די־רעקטאָר פון ק.ק.אָ.

קוים עטליכע טעג זענען אדורך, ווינט דער סיים איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרען און שוין הערען זיך נעמען פון מאַנכע קאַנדידאַטען. אזוי ווערען אָנגערופען די נעמען פון פּרע־זעס פון דער פעדעראַציע פון פּ. אָ. וו. סמולסקי דירעקטאָר פון סוחרישען גימ־נאַזיום און ליצעאום, ווי אויך דער געוו. דעפּוטאַט אַדאַם באָרדזינסקי, אַנ'ערד־בעזיצער פון ווילקאָוויעצק.

אויב די פּ. פּ. ס. וועט זיך בעטיי־ליגען אין די וואַהלען, וועלען אַהן ספק אַרויסגערוקט ווערען די קאַנדידאַ־טורען פון די געוו. דעפּוטאַטען יוזעף קאָזשמיערטשאַק און פּוזשאַק.

נאָך ווייניגער אונקלאָר זענען די אויסזיכטען בנוגע די קאַנדידאַטען צום סענאַט. ס'איז מעגליך, אז ביי די נאָהנסטע וואַהלען וועט ווידער פיגו־רירען דער געוו. סענאַטאָר זביערסקי אויב ער וועט נישט רעזיגנירען פון דער ווייטערדיגער פּאָליטישער קאַריערע און נישט צוריקקעהרען זיך אויפ'ן אַמט פון דירעקטאָר פון מלוכה־גימנאַזיום א. נ. פון יוליוש סלאָוואַצקי, וועלכען ער האט פערנומען איידער ער איז געוועהלט געוואָרען אין סענאַט אַריין.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די נאָהנטע וואַהלען צום סיים און סענאַט איז אונזער שטאָדט איינגעטיילט געוואָרען אויף 44 אָבוואָדען. די ביוראָס פון 36 אָבוואָדען וועלען זיך געפינען אין בנינים פון די פאָלקסשולען און 8 אין אַנדערע אינסטיטוציעס.

צווישען די קאַנדידאַטען צום סיים ווערט דערמאָנט דער פּרעזעס פון רעזערוו־אונטעראָפיצירען־פעראיין, סטעפאַן קוויאַטקאָווסקי. אין סענאַט זאָל קאַנדידירען, ווי מען גיט איבער, דער דירעקטאָר פון ערשטען מלוכה'שען גימנאַזיום, ה' פּלאַדאָווסקי.

תּקון טעות

אין דעם אַרטיקעל „דער טרויעריגער ראש־השנה" זענען אריינגעפאַלען פאָל־גענדע טעותים:

אנשטאט חוליירע דאַרף שטעהן חולי־רע און אויפ'ן אָרט פון: אונטער א שבועה אָבגעלייקענט—פּייערליך אָבגעלייקנט.

א נייער דירעקטאָר פון דער אובעזפּיעטשאַלניע

אויף דעם פערעפענטליכטען קאָנקורס פון דער אובעזפּיעטשאַלניע זענען איינ־געפלאָסען סך הכל צוויי אָפּערטעס, פון וועלכע דער קאָמיסאַר פון דער אובעזו־פּיעטשאַלניע ה' דאָדוצקי האט בעריק־זיכטיגט די אָפּערטע פון ביז־איצטיגען פערטרעטער פון דירעקטאָר פון דער אובּ זפּיעטשאַלניע יורי־מאַגיסטער טשעסלאַוו מאַנקאָווסקי, געוו. אובעזו־פּיעטשאַלניע־דירעקטאָר אין פּויזען. דער דאָזיגער וואַהל דאַרף נאָך בעשטעטיגט ווערען דורך דעם מיניסטער פאַר עפענטליכער שוץ.

KINO „EDEN".

בעריהמטער ענגלישער פילם!
נישט געוועהנליכע טעמע!

W porcie czeka dziewczyna

מיט **פּאַטריציאַ היללי**
און סעב. שאו

אויפּער'ן פּראָגראַם:
פּאַסטער קיטאָן

Kino „LUNA"

Paweł i Gaweł w jednym stali domu:
Paweł na górze, Gaweł na dole,
Paweł spokojny, nie wadził nikomu
Gaweł najdziksze wyprawiał swawole...

— פון מאָנטאַג, דעם 19־טען ווזשעשען
פּרעהליכע פּרעמיערע

Paweł i Gaweł

פּוילישע שאַמפּאַניער־קאָמעדיע, לויט דער פּאָפּולערע לעגענדע פון א. פרעדרי

אין די הויפּט־ראָלען:
דימשאַ, באָראָ, גראָסובנאַ א. אנד.

Red. B. Bocian — Wyd. B. Bocian i S-ka — Druk. B. Bocian, Aleja 6